STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05176

DER KLASN-KAMF UN DI REVOLUTSYE IN RUSLAND

Nikolai Ivanovich Bukharin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-05176-4

9780657051761T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT
(413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT
NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET,
AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

נ. בוכארין.

דער קלאסן-קאמף
און די
רעוואלוציע אין רוסלאנד

2-טער טייל.

מלוכה-פארלאג קיעוו
1921.

ערשטע אידישע ראטן-דרוקעריי, קרעשטשאטיק 14.
(ע. מ. צ. קיעוו) — 3000 עקז. באשט. 349/1.

פון אימפעריאַליסטישער דיקטאַטור צו דער דיק-טאַטור פונם פראָלעטאַריאַט

„צו פרי פייערט די קאָנטר-רעוואָלוציע איר ניצחון. מיט קוילן האָדעוועט מען ניט אָן קיין הונגעריקע. מיט אַ קאָזאַקישע רוט ווישט מען ניט אָפּ קיין טרערן פון מוטערס און ווייבער. מיט פאַנג- און וואָרג-שטריק טרוקנט מען ניט אויס קיין ים פון ליידן. מיט אַ באַגנעט באַרויִקט מען ניט קיין פעלקער. מיט אַ גענעראַלישן אָנשריי שטעלט מען ניט אָפּ דעם כאַאָס פון דער אינדוסטריע".

אָט וואָס ס'האָט מיטגעטיילט דער מאַניפעסט פונם יולי-צוזאַמענפאָר פון די באָלשעוויקעס, וואָס איז פובליקירט דעם 12 אויגוסט, אין זעלבן טאָג, ווען ס'איז צונויפגערופן געוואָרן „די מאָסקווער באַראַטונג".

פאַרבײַגעגאַנגען זיינען סאַך-האַלב דריי כאָדאָשים זינט די אימפעריאַליסטישע קנופּיע האָט אָפּגעהאַלטן איר ניצחון, ווען גענעראַלישע לאַמפּאַסן און פייער-קאַסקעס פון באַנקירן זיינען געוואָרן דער סימוואָל פון דער רוסישער מאַכט צוזאַמען מיט דער קאָזאַקישער פיקע און דער שנעל-געריכט-יוסטיץ, — און אָט האָט אַ דיאַלעקטישער שפּרונג פון דער געשיכטע אַוועק-געשטעלט מיטן קאָפּ אַראָפּ די פריערדיקע באַציִונגען צווישן „פּאָליטיק" און „מאַכט". אונטערן מעכטיקן דרוק פון אַרבעטער און סאָלדאַטן-מאַסן איז דער אימפעריאַליסטישער פראָנט דורכ-געריסן געוואָרן און פייער פון אומבראַכמאַנעסדיקער פייער-

קריג, „אַ בינטל ייִדישע שפּיאָנען", ווי די גאַרביסענע בורזשוי-
ען האָבן אָנגערופן די אָנפירער פונם פּראָלעטאַריאַט, זיינען
דורך דער רעוואָלוציאָנערער כוואַליע אַרויפגעוואָרפן געוואָרן צום
כאַמען שפּיץ פונם נייעם אַפּאַראַט פון „ראַטן-מאַכט". די אימפּע-
ריאַליסטישע דיקטאַטור איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דיקטאַטור
פונם פּראָלעטאַריאַט אין פּויערים-סאָלדאַטן, וואָס האָבן אַריינ-
געצויגן אין זייערע אייזערנע הענט די קלאַסן-סאָנים זייערע.

די רוסישע רעוואָלוציע איז אַף אַזאַ אופן איבערגעגאַנגען
אין אַ נייעם פאַזיס, אַ פאַזיס פון ס אָ צ י אַ ל י ס ט י ש ע ר
רעוואָלוציע. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן בויען פיל-מיליאָנענדיקע
מאַסן פונם ה.ר.פאַשנעם פאָלק, וואָס האָט מיט זיין זיגרייכן
אויפשטאַנד איינצייטיק אַרויסגעריסן אַן אומגעהויערע פּאַרטיטע-
רונג מיצאַר די אַלע ...כטן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיטן פינאַנץ-
קאַפּיטאַל.

די מאַפּאַלע פונם אימפּעריאַליסטישן רעזשים איז געווען
צייכעניש דורך דער גאַנצער ערדיקער וועלטכעם פאַר דער
רעוואָלוציע. נאָך אַז די מאַפּאַלע און דער ני אָבן פונם פּראָלע-
טאַריאַט, וועלכע ס'זיינען געקומען צו הילף די דאָרפישע קאַמ-
צאַנים, דער ניצאָכן, וואָס האָט בלוטלונג יונגערע געוועזן
גרעניצלאָזע האָריזאָנטן אין דע גאַנצער וועלט, — איז נאָך
נים דער אָנהויב פון אַ ירגאַנישער עפּאָכע. דער ווידערשטאַנד
פון דער בורזשואַזיע איז נאָר איבערגעטראָגן געוואָרן אין אַנ-
דערע צענטרן און אין אַן אַנדער ספערע, און דער פּאָליטאַ-
ריש פּ יערשער מאַכט שטייט פאַר אומבאַרינטעט אַז דעם ווידער-
שטאַנד צוברעכן איינמאָל פאַר אַלע מאָל.

דער אינטערנאַציאָנאַלער קאַפּיטאַל, וואָס רופט צו כיידע
אין איע גאַסן אַף דעם „קאָלאָסאַלן בונט" פון די אַרבעטער
און פּאָליאַנין, שפּיצט מיט אַלע מיטלען דעם באַוואָפנטן קאַמף
פון דער קאָנטר-רעוואָלוציע און „די שטילע סאַפּע" פון דער
בורזשואַזער אינטעליגענץ מיט אירע היימישע באַשיצער. און

פאר דעם רוסלענדישן פראלעטאריאט שטעלט זיך אזוי בולט ווי קיינמאל נים די פראבלעם פון דער אלוועלטליכער רעוואלוציע.

די מענשהייט שטעלט זיך פאר יענע אויפגאבן, וועלכע זי איז אויסגערופן צו לייזן. דער גאנצער סאך-האקל פון באציהונגען, וואס האבן זיך איינגעשלאסן אין אייראפע, פירט צו איר אומפארמיידליכן סוף. אט אזוי גייט איבער די פערמאנענטע רוסישע רעוואלוציע אין א אייראפעאישע רעוואלוציע פונם פראלעטאריאט, וועלכער איז באוואפנט דורך דער זעלבער אימפעריאליסטישער מלוכע, וואס איבער איר קאפ האט דער פראלעטאריאט שוין אויפגעשטעקט דעם גלישטשענדיקן מעסער פון דער גיליאטינע.

אומאפהענגיקע מיניסטעריום—מאסקווער באראטונג.

דער ניצאכן פון דער קאנטר-רעוואלוציע אין די יולי-טעג האט געבראכט צו א מיניסטעריום פון מיניסטארן, וואס זיינען אומאפהענגיק פון וועמען ס'ניט איז אויסער זייער געוויסן; ד. ה. פאר זייער גערעדט, זיינגאנצן אפהענגיק פונם קאפיטאל. דער לייב-ארגאן פון מיליוקאוו, „רעטש" האט דאן פראקלאמירט urbi et orbi: „די פארערונגען פון די קאדעטן — האט געשריבן די צייטונג — האבן אן אפעק געדיינט אלס יסוד פון זעלבסטשטענדיקייט פון דער גאנצער רעגירונג... אט דערפאר טאקע, ווייל די איקע פאדערונגען פון די קאדעטן זיינען אנגענומען געווארן, האט די פארטיי נישט געפונען פאר מעגליך ווייטער פירן די מאכלויקעס איבער ספעציפיש פארטייאישע מיינונגס-פארשידנהייטן.

אבער די פארם, אין וועלכער ס'האט זיך פאקטיש אויסגעגאסן דער ניצאכן פון דער קאנטר-רעוואלוציע, איז לאכלוטן

ניט געווען די פאָרם פון אַ דירעקט אָדעסיטער רעגירונג. ס'האָט זיך אויסגעבילדעט דער באַנאַפּאַרטישער רעזשים פון קערענסקין.

די יולי-געשעהענישן, וואָס זיינען געווען אַן איבערגאַנגס-מאָמענט צום רעוואָלוציאָנערן קאַמף, זיינען אויך אַריין גע-ווען אַ האַלבער אויפשטאַנד קעגן דער בורזשואַזיע. אַ מאַסע אַרבעטער און סאָלדאַטן, צורייצט איבער דער פּאָליטיק פון דער רעגירונג, זיינען אַרויס אויף דער גאַס, אָבער זיי זיינען ניט גע-ווען מסוגל אויף ענטשיידענע מעשים. די פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי וואָס האָט צו יענער צייט שוין געוואונען די סימפּאַטיע פון די פּעטערבורגער אַרבעטער און סאָלדאַטן, פאַרשטייענדיק די גאַנצע שאַרפקייט פון דער לאַגע און די האַזאַרדיקייט פון אויפשטאַנד, האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן דער אַרויסטרע-טונג. די לעצטע האָט אויך אַזאַ אויבן אָנגענומען אַ וואָלדיקן כאַראַקטער פון אַ האַלב-פרידלעכער דעמאָנסטראַציע.

איבער די יולי-אַרויסטרעטונג איז געווען אַ האַלבער אויפ-שטאַנד, איז דער ניצחון פון דער קאָנטר-רעוואָלוציע אין אַ געוויסן זין געווען אַ האַלבער ניצחון. די אימפּעריאַליסטישע מנוולים האָט זיך ניט איינגעגעבן מאַכן אַ שחיטה, ניט קוקנ-דיק אויף זייער שטאַרקן פאַראַנג. דער אָנגריף פון דער קאָנטר-רעוואָלוציע האָט זיך אָנגעהויבן פון גאַנצן פראָנט. אָבער די קויכעס פון דעם אָפּגעיילטן פּאַטריאָטיזם פון די פאַבריקאַנטן, ניט קוקנדיק אויף דער שטיצע פון די קאָזאַקישע באַנדיטעס, קיילן-וואַרפער, „קאָנטר-ראַזוועדקע" און צאַרישער פּראָקוראַטור האָבן נישט געשטיצט גענוגלעך אָפּצושוואַכן דעם פּראָלעטאַריאַט און דעם גאַרניזאָן. די קאָנטר-רעוואָלוציע איז גאָר ניט געווען גענוג שטאַרק אַפילו צו צעשטערן די ראַטן, אין דער זעלביקער צייט וואָס די ראַטן גופא זיינען שוין געווען אָפּ-געשוואַכט צו באַוויזן אַן ענטשיידיקן און מעכטיקן ווידערשטאַנד. בורזשויס פונעם פּראָלעטאַריאַט, מיט אַ קין-צייכן אויף שטערן, זיי-

נען זיי איצט אַליין געווען דערשלאָגן אונטערן דרוק פון די רעזולטאַטן פון זייער בגידה. זיי זײַנען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מין שירמע, אין אַ דעקאָראַטיווע פאָרם, אונטער וועלכער ס׳האָט זיך פאַרבאַהאַלטן אַ רעאַקציאָנערער אינהאַלט. אָבער אויך די עמעסע דעמאָקראַטיע — און קודם־כל די אַרבע-טער-דעמאָקראַטיע — איז ניט געווען אומשטאַנד מיט אַ שאַרפן קלאַפּ אָפּשליידערן דעם כוחפעדיקן אימפעריאַליזם. ווייל אויב זי איז ניט אינגאַנצן געווען צעקלאַפּט, איז זי דאָך געווען אָפּגע-שוואַכט און צײַטווײַליק דעזאָרגאַניזירט.

אָט אַזוי האָט זיך אײַנגעשטעלט אַ פאַרהעלטניסמעסיקער גלײַכגעוויכט פון די סאָציאַלע קויכעס, וואָס האָט געשאַפן דעם יסוד פאַר אַ רוסלענדישן באָנאַפּאַרטיזם.

באָנאַפּאַרטיזם כאַראַקטעריזירט זיך מיט דעם, וואָס איינ-צעלנע פּערזאָנען באַקומען אַ ווירט, וואָס איז ווײַט ניט פּראָ-פּאָרציאָנעל זייער ווירקלעכער ראָלע. זיי האָבן ניט אונטער זייע-רע פיס קיין זעלבשטענדיקע סאָציאַלע באַזע. און דאָך געפינט זיך אין זייער רשות די מלוכישע מאַכט. די פיגור פון אַ באָ-נאַפּאַרטיסט קען זײַן גרויס פאַר זיך, — אָט אַזאַ איז געווען נאַפּאָלעאָן. אָט אַזאַ איז געווען צעזאַר. אָבער זי קען אין טאָך אַרײַן זײַן נעבעכדיק און פּאַרכטעס, ווי די פיגור פון נאַפּאָלעאָן דעם דריטן „דער פּאַרווענו אויפן קעניגליכן טראָן“, אָדער די פיגור פון קערענסקין. סײַ אין דעם, סײַ אין יענעם פאַל בלײַבט דער סאָציאַלער זין פונעם באָנאַפּאַרטיזם איין און דער זעלביקער ער דריקט אויס די פאַרבאַהאַלטענע פאָרם פונעם ניצאָבן פון דער קאָנטר-רעוואָלוציע, די לעצטע מדריגה פאַר דער נאַקע-טער, ניט פאַרדעקטער מאַכט פון דער רעאַקציאָנערער קנופּיע. סובייעקטיוו שטעלט זיך דער באָנאַפּאַרטיזם פאַר, אַז ער שטייט צווישן קלאַסן, אויסניצנדיק פאַר זיך דעם קלאַסן-קאַמף „לאַווירנדיק“ צווישן קלאַסן. אָבייעקטיוו איז ער מער ניט ווי אַ ווערק-צײַג אין די הענט פון די הערשנדע קלאַסן, וואָס

ניצן אים אויס. דער צוויי געריסענער ראָמאַן אין צוויי פּאָלן איז בלויז צוליבן פּנים פון אַ פאַרשטעלטער קאַמף פונעם פּראָגרעס קעגן דער רעוואָלוציע.

דער העלד פון אַ באַנאַנאַרטישער שפּיל איז געוויינלעך אַ רענעגאַט. ער מוז קודם דורכמאַכן אַ באַוואוסטן דעמאָקראַטישן ספּאַזש, איידער ער ווערט אָנגענומען אין די פּאָליטישע סאַלאָנען פון די וועלט הערשער. ער מוז פאַרמאָגן דעם ראָל פון אַ „פאָלקס-העלד" פון אַ „רעכטער פונעם פאָטערלאַנד". ער מוז האָבן די פּאָפּולאַריטעט צווישן די מאַסן, דאָס וואַרפן מיט די הימלען אין די „פאָלקס ליבע". ער קאָן זיין אַן אויאַנטירוויכט מיט אַ פאַרדעכטיקן אָוואַר אָדער אַן אָרנטלעכער רעוואָלוציאָנער אין אָוועק, וואָס גייט אַבער צו אַ פאַרדעכטיקן היינט; ער קאָן זיין אַ ציווילער, וואָס ווערט אַ מיליטער-מאַן, וואָס שטרעבט צו שאַפן זיך אַ פּרעטאָריאַנישע גוואַרדיע, אָדער אַ מיליטער-מאַן, וואָס פאַרבאַפּט אין זיינע הענט ציווילע אינטערעסן; ער קאָן זיין מענש פון שאַט, וואָס מיט זיינע „העלדישע מעשים" דעמאָנסטרירט ער זיין העלדישקייט, אָדער אַ העלד פון פראַזע, אַ שאַרלאַטאַן פון צונג, וועלכער באַוועגט זיך צוליב שנעלער, וואָס גרעסער ס'איז די גייסטיקע אָרימקייט פון זיין באַלעבאָס. אָבער ער מוז אומבאַדינגט „ראַטעווען". די ראָל פון אַ גואל, אַ משיח — דאָס איז דער פּראָפעסיאָנעלער צייכן פון יעדער באָנאַפּאַרט.

ס'איז גאָר קיין בירעש ניט, וואָס בשעת דער פינאַנץ-קאַפּיטאַל האָט פאַרדאַרפט אַן אונטערגעשטעלטן פּערזאָן, איז אַט די פּערזאָן איז געוואָרן קערענסקי. ער האָט אין זיך קוילער געווען אַלע עלעמענטן, וואָס זיינען געווען נייטיק צוליב דעם, די געלט-אַריסטאָקראַטיע, זאָל מיט צופרידנקייט אַרופלייגן אויף אַט דעם „דעמאָקראַט" איר שטעמפּל פון באַווילליגונג און דאַנקבאַרקייט. אין פאַרגאַנגענהייט — אַ רעוואָלוציאָנער, עפּעס, ניט פון די פעסטע; אַ העלד פון דער פרילינג-רעוואָלוציע מיט איר

סאַנטימענטאַלע שמועסונגען און ברידערונג פון די פויערים, סאַלדאַטן מיטן פּאַריץ ראָדזיאַנקאָ; אַ מענטש פון לויטער טעאַ-ראַלישקייט און פּראָזע, וואָס איז מסוגל וויינען און לאַכן און ראָגיש רייסן אויף זיך די האָר פון קאָפּ און קושן די ערד — ווען עס פאָדערן די אומשטענדן; אַ ליבלינג פון ברייטן פּובלי-קום און אַ אַוואַנטיוריסט, אויף וועלכן מ'קאָן לייגן גרויסע האָ-פענונגען; אַ ספּעציאַליסט צו פּראָסטיטוירן די רעוואָלוציע, וואָס פאַרדעקט קונציק מיט דער רויטער פאָן די אימפּעריאַליסטישע רויבערייַ; אַ פּאַכן וואָס וואַרפט אים זיינע קעגנער, אַז זיי זיי-נען פּחדנים; אַ מיטגליד פון אַ סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וואָס פּעטשט אין איר באַשלוסן אויף יעדער טריט און טריט; אַ שליאַך פון די „באַפולמעכטיקטע אָרגאַנען", וואָס שפּייט זיך אין האַרצן אויף די אָרגאַנען; אַ מענטש, וואָס האָט מציל געווען ני-קאָלייען פון טויט-שטראָף, אָבער וואָס האָט איינגעפירט טויט-שטראָף, צוליב „דעמאָקראַטישע" טאַקטים פאַר סאָלדאַטן און אַנ-הייבער פון דער רעוואָלוציע, וואָס נעמט אַס-די רעוואָלוציע איבערן פּאַגים; אַ קעמפער מיטן דייטשן אימפּעריאַליזם, וואָס פאַרקויפט דאָס בלוט פון רוסישע סאָלדאַטן דעם ענגלישן אימ-פּעריאַליזם אונטער אַ רעוואָלוציאָנערן סאָוס און וואָס קריכט אויף די קניעס פאַרן קאַפּיטאַל און די פאָרגייענדיקע אונטער די קוליסן פון דער געהיימער דיפּלאָמאַטיע; און ענדליך, אַ געשוואָ-רענער רעטער פון פאַטערלאַנד, וואָס דערמאַנט זיין נאָמען מיט אַ רייזעריקער דוויקעס, אַ מאַנזער און אַ מכאַשף, וואָס מאַכט אַן איידעלן רעמעז אויף אַן אויסוועג מיט אַטריבוטן פון צאַרישן גלאַנץ, — איז ער ניט דאָס פּאַסנדע מענטש פאַר די פאַר-אייניקטע פאַבריקאַנטן און אָרג-אינדוסטריעלע טוזן, מאַראָדערן און ספּעקולאַנטן, קאָווינגע לייערצן און פּראַצענטניקעס פון גרויסן מאַסשטאַב, גרעסטע ראַנטיער און פּריצים, הויז-אייגנטי-מער און קאַקאַן, גרזשע שווינדלער און ערצבישאָפן פון דער פּראַוואָסלאַווער קירכע?

די באַנאַפּאַרטישע מעמשאָלע פון קערענסקין האָט געזאָלט דינען אַלס איבערגאַנג-בריקל צו ראַטעווען דעם קאַפּיטאַליסטישן רעזשים און די ערגסטע מיטל דעם אָנפאַל פון אַרבעטער און פויערים. די דאָזיקע מעמשאָלע איז אַרויסגעטראָטן צווישן פאָלק און צווישן פאַרבאַנד פון גרויסע אייגנטימער אין ראָלע פון א שאַליש, אין „אַלגעמיין-נאַציאָנאַלע מאַכט", וואָס שטייט לויט-מערט העכער פון קלאַסן, אָבער וואָס האָט אין די פאַרבאַהאַל-טענע כאַזאַרים פון די מיניסטעריושע קאַנצעלאַריעס געלאָזן געשעפטלאַך מיט די אָפענע סאָנים פון פאָלק. די הויכע ביוראָ-קראַטיע האָט שוין געטראַכט אָנהייבן פאַרפעסטיקן איר אונצע-שטערבאַרע מעמשאָלע, איבערגייענדיק איבערן בריק פון קערענסקיס רעזשים. זיי האָבן אָבער נישט גענומען אין אַכט איין אומגעלעגנהייט, וואָס צייכנט אין עצעם אויס דעם פּריצי-טיקן פּרוכט פונם רוסלענדישן באַנאַפּאַרטיזם צווישן די מיזרעך-אייראָפּעיִשע מוסטערן. דער באַנאַפּאַרטיזם אין מי-רעוו-אייראָפּע איז אויסגעוואַקסן שוין נאָכ-דעם, ווי די פּראָבלעמען, וואָס די רעוואָלוציע האָט אויפגעשטעלט, זיינען געווען ערלייזט; אָבער דער היימישער באַנאַפּאַרטיזם פון קערענסקין איז ערשינען אין אַזאַ פּעריאָד, ווען קמאַט אַלע אויפגאַבן פון דער רעוואָ-לוציע האָבן געוואַרט אויף זייער ערלעדיגונג. די פויערים האָבן אָנגעהויבן פאַרלירן זייער געדולד, נישט באַקומענדיק קיין ערד; די אַרבעטער און אַלע [illegible] האָבן שרעק-לעך געליטן פונם חורבן; אַלע נידעריקע שיכטן פון שטאָט און דאָרף האָבן צוזאַמען מיט דער סאָלדאַטן-מאַסע געלעכצט נאָך שלום. מיט איין וואָרט, סיי די סוביעקטיווע שטרעבונגען פון די ברייטע פאָלקס-מאַסן, סיי די אָביעקטיווע לאַגע האָבן ביי-געלאַנגט פאַרענטפערט ווערן מיט יענע מעטאָדן, וואָס האָבן זיך געפונען אין רשות פון קערענסקין, און מיליוקאָוו דער דאַרדאַנעל-

לער, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון אונטער קערענסקיס פּלייצעס. דער בראָך פון אָט אַזאַ פּאָליטיק איז געווען אומפאַרמיידלעך, און איז געקומען פריער ווי מ׳האָט געקאָנט ערוואַרטן.

די „אומאָפּהענגיקע" רעגירונג האָט פייערלעך פּראָקלאַמירט אַ בירגער-שלום און, ווי סימפּטאָם פאַר פּראָסטימוטן פון דער רעוואָלוציע, האָט זי ערקלערט, אַז „די גאַנצע אומבאַגרענעצטע מאַכט פון דער רעוואָלוציע וועט זיין אָנגעווענדט, כדי צו ראַטעווען רוסלאַנד און צו אויפשטעלן זיין קאָוועד, וואָס איז מוט-לאָזיק און מיט אַ פּראַכטפולע פּאַראַדנעס באַליידיקט געוואָרן".

„ראַטעווען רוסלאַנד" האָט בא די לייט געהייסן באַדינען דעם קאַפּיטאַל, „פּאַרשיכטע פּאַראַדנעס" — דער רעוואָלוציאָנערער גייסט פון די סאָלדאַטן, וואָס טראָגן דעם טויט-שטראָף זיינען זיי אַרויסגעטראָטן קעגן זייערע מאַליאַנים. „די מאַכט פון דער רעוואָלוציע"—מיט ענגע אָנפאַלן פון דער קאָנטר-רעוואָלוציאָנערער קאָמפּאַניע, פאַר וואָס זאָל מען מאַכן ניט פאַרשטעלן די בורזשואַזע רעווילציע רעדט מיט אַ וועכטל פון אַזאַ וואָלער „רעוואָלוציאָנערער מאַכט".

קאַמף מיט דער רעוואָלוציע אונטערן פאָן פון קאַמף מיט דער קאָנטר-רעוואָלוציע—אָט דאָס איז דער גאַנצער מיהוס פון דער פּאָליטיק, וואָס האָט געהערשט אין דער „אומאָפּהענגיקע" רעגירונג. די בור-זשואַזע פּרעסע מיט אירע הויך קוואַליפיצירטע משרתים האָבן אויף אַלע קליינים געפּרידיקט צוזאַמענמיט דער סעריע פון שפּיאָנאַזש די פּעאַריע פון לינקער „קאָנטר-רעוואָלוציע", און פּמונטערנדיק אין אַפּט-מאָל אַלע אָנשרייענדיק אַף די פּלינקע מיטה לפער פון די מיניסטער-יאָמס. „די קאָנטר-רעוואָלוציע—האָט געשריבן די צייטונג פון די מאָסקווער מיליאָנערן „רוסקאַיאַ סלאָוואָ"—איז אין אונזערע טעג אָנגעקומען ניט פון יענעם צד, פון וואַנען מ׳האָט איר געקאָנט לויט דער טעאָריע און לויטן מינהאג ערוואַרטן, ניט פון רעכטס,

נאָר פון לינקס, ניט פון די „בורזשויעס" נאָר פונם עקסט לינקן פליגל פון דער רוסישער רעוואָלוציע"!

אַזעלכע דירעקט האָבן די אָנפירער פון די ביינק פון דער בירזשע און פון די סינדיקאַטן געגעבן „דער אומאָפּהענגי-קער" רעגירונג. אויפן האַנדלס-אינדוסטריעלן צוזאַמענפאָר אין מאָסקווע איז עפנטליך אַרויסגעטראָטן דער באַוווסטער גוויר און מעצענאַט ריאַבושינסקי מיט אַ צינישער פּראָגראַם, ווי אַזוי מערדעריש דערשטיקן די רעוואָלוציע, צוטרייבן די ראַטן, בייקו-מען דעם אַרבעטער-קלאַס מיט הונגער.

„אונזער צייטווייליקע רעגירונג — האָט ערקלערט ריאַבו-שינסקי — האָט זיך געפינען אונטער ווירקונג פון זייטיקע מענטשן. ביי אונז געפינען זיך פּאַקטיש ביי דער מאַכט אַ בינדל שווינדלערס... די מאַכט שטיצט ניט די האַנדלס-אינדוסטריע קלאַסן... ס'איז נויטיק, אַז די מדינה זאָל כאַפּש אַביסל (1) שטעלן זיך אויפן שטאַנדפּונקט פונם האַנדלס-אינדוסטריעלן קלאַס, די רעגירונג מוז בורזשואַזיש דיינקען און בורזשואַזיש אַפּערירן.

מעגליך, אַז כדי צו געפינען אַן אויס-וועג פון דער לאַגע וועט מען מוזן אָנקומען צו דער ביינערדיקער האַנט פון הונגער, צו דער פאָלקס אָרימקייט, וואָס זאָל אָנכאַפּן בײַם גאָרגל די פאַלשע פריינט פונם פאָלק, די דעמאָ-קראַטישע ראַטן און קאָמיטעטן". די אָנגעשטאָפּ-טע קעשענעס האָבן מיט משוגענע אַפּלאָדיסמענטן באַגריסט אָט די בעמעס קאַניבאַלע רעדע. אָבער פון איר האָט שוין געשעפּ-(ט) איר באַגייסטערונג די רעגירונג פונם באַנאַפּאַרטיסט.

אויך די פינאַנץ-קאַפּיטאַליסטישע בורזשואַזיע האָט אין פעבראַר פון „אָפּהענגיקע רעגירונגען" אויסגענוצט דעם אָרגאַני-זירטן סאַבאָטאַזש, האָט זי איצטער, ב'איס דער מלוכישער אַפּאַ-

---

1) ר. ס. פון 6 VIII 1917.

ראַט איז פאַקטיש אַריינגעפאַלן מאַקע אין אירע אייגענע הענט, באַשלאָסן דער פאַרעסטיקן איר ניגאַ ן, איינציטיק ווירקנדיק סיי אין פעלדער פון פּאָליטיק, סיי אין ספערע פון עקאָנאָמיק.

אין יולי נאָך איז פאָרגעקומען אַ צוזאַמענפאָר פון דרייצן ווילטיקסטע אונטערנעמערישע אָרגאַניזאַציעס מיטן צוזיטסטער ראַט פון די אַקציאָנס-פאַרבאַנק ברויש. די מלאָכים פון נאַפט און צוקער, די קוילן-באַראָנען און די האָלץ-הענדלער, די אייזנבאַן-טרוסטן און די מעטאַל-מאַגנאַטן, די מעטאַלורגישע מושלים און די פּאַפּיר-פאַבריקאַנטן — זיי אַלע זיינען געקומען פּע צוזאַמען צו אַ באַשלוס, אַז ס'איז נייטיק אַן אַלרוסלענדער פאַראייניגונג פונם קאַפּיטאַל. עס איז באַשאַפן געוואָרן „דער הויפּט-קאָמיטעט פון דער פאַראייניקטער אינדוסטריע“ אָדער „קאָמיטעט צו פאַרטיידיקן די אינדוסטריע“.

„פאַרטיידיקן די אינדוסטריע“ האָט באַטייט, ווען מ'האָט זיך גוט צוגעקוקט, אָנפאַלן אויף די אַרבעטער. נאָכן יולער כורבן פון דער פּראָלעטאַרישער פּאַרטיי האָט דער גרויסער קאַפּיטאַל שוין פרייליך אַרויסגעקוקט אויף דער צוריקשטעלונג פון דער לבעל-הבתעשונג אויף די פאַבריקן און זאַוואָדן, וואָס די אָרגאַניזאַציעס פון די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער האָבן אָנגעטאָן אַ צוים אויף זייערע אייגענע באַלעבאַטים. די פּראָגראַם פונם פינאַנץ-קאַפּיטאַל איז געווען קורץ און קלאָר פאָרמולירט אין זיין אָפיציעלן אָרגאַן „אינדוסטריע און האַנדל“: „צוריקשטעלן אָרדנונג אויף די פאַבריקן און זאַוואָדן“, „אַן אייזערנע דיסציפּלין אין טיל און אויפן פראָנט“.*) און אויפן יסוד פון אָט דעם „פּאָזיס“ האָבן געהאַסט די הערן אינדוסטריעלער שאַפן אַ פאַסנדע געביירע, באַגרענעצנדיק דעם אַרבעטס-לוין פון די אַרבעטער, פאַרזיכערנדיק זיך מאַקסימאַלע דיווידענדן, איינפירנדיק פאַר דעם אַרבעטער ן קאַ-

*) „אינדוסטריע און האַנדל“ № 26—27.

טאָרושנע צוואַנג-האָרעוואַניע און געבנדיק אים פאַרשטיין, אַז ס'וועט „אויפגעוואַכט די שטרייגע מאַכט".

די געלערנטע און ניט געלערנטע סיקאָפאַנטן, וואָס האָבן זיך געפילט זיך קעגן באַם קאַפיטאַל פונקט אַזוי גוט, ווי אַ פרומער איד ... האָבן מוסיף געווען און „באַגרינדעט" אָט די פּראָגראַם. פּראָפעסאָר מיגולין, דער זאָרגער פאַר די אינ-טערעסן פון די גוטסבאַזיצער, אָט דער זעלביקער, וואָס האָט אין זיין כיבורל „צום דריטן יאָרהונדערט פון ראָמאַנאָוו הויז" גע-לעקט די שטיוול פון יעטוועדער פאַרשטייער פון אָט דעם „זאָל מען מיר מוחל זיין „הויז", — האָט באַפוצט די ווייסלאַך פונם „נייעם עקאָנאָמיסט" מיט אַ פאָדערונג: מיליטערישע דיסציפלין אַף די אייזנבאַנען, פאַרזיכערן די „איקער רעכט פון אַ מענטשן און אַ בירגער" — די רעכט פון אייגנטום. און די פּרעסע האָט שוין אויסגעאַרבעט פּלענער ווי אַזוי זיך צו רעכענען און פאַר-צוימען מאַמעש...

די צייטווייליקע רעגירונג איז געווען אויסגעצייכנט „צו-געפאַסט" צו אָט דער פּראָגראַם. עמעס, זי האָט זיך ניט געקאָנט באַפרייַען פונם צושטאַנד פון פּערמאַנענטער דערשלאָגנקייט, און איר צייטווייליקער כאַראַקטער האָט קלאַל ניט סויסער געווען דעם שטענדיקן כאַראַקטער פון אָט דער דערשלאָגנקייט. קימאַט יעדער זיצונג פון דער רעגירונג האָט זיך געענדיקט טראַגיש; געקומען אַ דעלעגאַציע פונם פראָנט — איר באַריכט האָט געמאַכט אַ „דערשלאָגענדן איינדרוק"; מ'מוז מודיע זיין מקויאַך וואַלד אויסהאַקונגען — די רעגירונג איז „דערשלאָגן"; די באָלשעוויקעס האָבן דערפאָלג — די רעגירונג איז „דערשלאָגן"; די פויערים פאָ-דערן ערד — זי איז ווידער „דערשלאָגן"; די אַרבעטער שטרייקן — דאָס מאַכט „זייער אַ שווערן איינדרוק" אַף דער רעגירונג. אַלע באַריכטן פון אירע זיצונגען ענדיקן זיך מיט אָט די ווערטער. דאָס וואָלט געקאָנט זיין אַ טראַגעדיע, ווען ס'וואָלט ווירקליך ניט געווען קיין קאָמעדיע, ווייל די דערשלאָגנקייט פון דער

רעגירונג האָט עפּעס אַף אַ מאָמענט אויפֿן איר קלאַל נישט געשטערט צו רעכענען זיך מיטן פֿאָלק פּונקט אַזוי, ווי דאָס האָט געפֿאָדערט דער קאַפּיטאַל און די גרויסע גוטסבאַזיצער.

אַף די פּ ו י ע ר ן איז די רעגירונג פֿון קערענסקין אָנגעפֿאַלן מיט אַרעסטן, שטראָף-עקספּעדיציעס, געריכטן, מ׳האָט געמישפּעט דערפֿאַר, וואָס מ׳האָט אויווער געוועזן אַף אַלטע קאָנטראַקטן פֿון דער צייט פֿון לייבאייגנטום, וואָס מ׳האָט פֿאַרווירקליכט טשערנאָווס אינסטרוקציעס; מ׳האָט פֿאַרזעצט גלאַט פּויערן און מיטגלידער פֿון ערד-קאָמיטעטן; מ׳האָט געפֿאַנגען פֿאַשוטע מיטגלידער און פֿאָרזיצערס פֿון אַט די קאָמיטעטן. סיי די, סיי יענע, סיי די דריטע זיינען געקומען פֿאַר געריכט און זיינען געבליבן זיצן אין אומזיסטע דירעס פֿונם נייעם „מאַיעסטעט". אַט אַזוי האָט זיך די מאַכט צורעכנט אין מאָסקווער, מאָהליעווער, פּאָדאָלער און אַנדערע גובערניעס, — מאַשמאָעס, אין זיינען הויבנדיק די סאָציאַליזירונג פֿון דער ערד, וואָס זיינען אָנגעמערקט אין דער פּראָגראַם פֿון דער פּאַרטיי, וואָס קערענסקי שטייט אין איר בראָש. אַט דאָ האָט זיך מיט אַן אויסעראָרדענטליכער קלאָרקייט אַרויסגעוויזן דער סאָציאַלער זין פֿון דער צאַנגאַפּאַטישער מעמשאָלע. אויסערליך — אַ „מוזשיקישע" פֿאַרוואַלטונג פֿון אַ פּויערשן סאָציאַליסט. אין דער ווירקליכקייט — אַ מיזרערישער פֿויסט פֿון אַ קאַפּיטאַליסט אַ בראַצענעניק. אַפֿן צונג — ערד און פֿרייהייט. במייטע — אַ באַוואָפֿנטע פֿאַרטיידיגונג פֿון דער פּריצישער אייגנטום. „אין פּרינציפּ" — פֿרייע זעלבסטשטענדיקייט פֿון פּויערשע אָרגאַניזאַציעס. רעאַל — שטראָף העמדער, קרימינאַל געריכט און פּראָווינציעלע „דזשימאָרדעס".

געגן אַ ר ב ע ט ע ר איז געפֿירט געוואָרן אַ פּאָליטיק, וואָס האָבן געפֿאָדערט די פֿאַראייניקטע אינדוסטריעלער. נעמען די אַרבעטער פֿאַרן גאָרגל האָט מען נאָך נישט געקאָנט. אָבער קימאַט אַלע פּרוּוון פֿון דער געזעצגעבערישער שאַפֿונג אין

עקאנאמישן געביט זיינען באשטאנען פון קאלעראליי הינטער-פיכלאך, וואס די אימפעריאליסטישע מליכישע מאכט האט אונ-טערגעשטעלט די „נא[illegible]גע" ארבעטער, וואס האבן מייאין געוען אויסשטיצן א האנט געגן דער הייליקער „jus utendi et abuteudi".

נאך מער אומפארשעמט איז געווען דער אנגריף אף די פאליטישע ארגאניזאציעס פונם פראלעטאריאט און אף זיינע „רעכט און פרייהייטן". די ערסטע איז „וועקגעשטעלט" געווארן אויסער געזעץ. פארזאמלונגען זיינען איבערגעבן געווארן דעם גוטן ווילן פון צווייטן ניסטארן, פון מיליטערישע און פון אינערליכע איניאנים. די פראלעטארישע פארטיי איז פריינגע-נומען געווארן אין א אפרוייגע פון אנאויסשליסליכער לאגע, וועלכע איז געווארן אלץ שווערער. וואס פרייער האבן גע-אלבעט די פלייסיגע אזוי יכטראסארן. די אוגערערטע קרי-בערייען פון די פיס פון די מאדערן פון דער וועלט-מילכאמע און דער ניצאכן פון דער קנעכטישער ווייזאנץ האבן געבראכט דערצו, אז די געזעצגעבער פונם ווינטער-פאלאץ האבן מידיע געווען גאר דער גאנצער וועלט א נייעם געזעץ וון גן באווייזן די היסטארישע מיסטעמען און זייערע פארשפרייער, וואס באשראפט מיט סאיסטע רעם. וואס וועט אויס-זאגן פון כיידער מיקויאן די אלהעלטליכע רויבערייען!

די פויערשע ארמיי האט געהאט דעם זעלביגן גורל, ווי דאס גאנצע פאלק. דער „דעמאקראט" קערענסקי האט די אפגעגעבן אף הייסקער אין רשוס פון די צארישע גענעראלן, וואס האבן ארגאניזירט אין סטאווקע א הויפט שטאב פאר בונטאפנטער קאנטר-רעוואלוציע. „אייזערנע דיסציפלין", דאס הייסט א גלייזיגער כעשבן מיט די סאלדאטן; א שנעל-שיסענדע פעלד-מיליטערישע יוסטיציע, וואס די גויגדים פון דער רעוואלוציע האבן געהאט געניג כיבוד און פרעכהייט אנצורופן רעוואלוציאנערע; די סיסטעם פון נידערטרעכטיקע גיכפולים

געגן די סאָלדאַטן, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך דער זעלבער סטאַווקע, — אַז דאָס אַלץ האָט זיך פֿאַרפּלאָנטעט אין אַ קייטיק-בלוטיקן קנויל, מיט וועלכן מ'האָט גערעכנט דערשטיקן דעם גייסט פֿון דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי.

די אימפּעריאַליסטישע דיקטאַטור, וואָס האָט אין פּערזאָן פֿון אַוואַנטיוריסט פֿון דער „רעוואָלוציע" מיט אַ בלוטיקן שטיוול אָנגעטראָטן אויף דאָס גאַנצע לאַנד האָט זיך געלאָזט הערן אויך אין די גרענעץ-קאַנטאָן. ווי האָט מען טאַקע געקאָנט פֿאַרגעסן מיקויאַנס גרויסע רעדעס פֿון די פֿעלקער אויף זעלבסטבאַשטימונג? און כדי צו דעמאָנסטרירן אַז די וועלט, האָט די „דעמאָקראַטישע" שווינדלערס צעטריבן דעם פֿינלענדישן סיים, שרעקנדיק מיט אַ באַוואָפֿנטן קיזאַק, און אויף אוקראַינע האָט מען אַרויסגעשטעלט אַלס אַן אַרגומענט קאַנאָנירן, כדי דער טריאומף פֿון „פֿרייהייט און רעוואָלוציע" זאָל זײַן אַמבוילעסט.

אין דער זעלביקער צײַט, ווען די רוסלענדישע אימ-פּעריאַליזם האָט געשאַרפֿט די צײַן געגן זײַנע קאָלאָניעס, האָבן קערענסקי און טערעשטשענקאָ אונטער שלייער פֿון דיפּלאָמאַ-טישן סאָר געשפּילט אַ עקעלהאַפֿטע קאָמעדיע, [illegible] פֿון זייער סאָציאַליסטישן טוואַר, אָפּרעדנדיק מיט לאָיד-דזשאָרדזשן מיקויאַן ליקווידירן די אַלוועלטלעכע קאָנפֿערענץ פֿון די סאָציאַל פּאַטריאָטן אין סטאָקהאָלם, נאָכדעם ווי מ'האָט אויסגעניצט די קייסן פֿון די אַלגעמיינע סעקרעטאַרן געמאַכט אַ טאָל פּנים אומגליקלעכן „סאָציאַליסטישן" פּראָיעקט, האָט לאָיד-דזשאָרדזש אין נאָמען פֿון די אַנטאַנטע מלוכעס, ערקלערט, אַז קיין פּאַספּאָרטן אויף דער קאָנפֿערענץ וועט מען נישט געבן, ווײַל „אין דעם מאָמענט, ווען אין רוסלאַנד זײַנען געמאַכט געוואָרן די ערשטע טריט, כדי אויפֿשטעלן די דיסציפּלין אין ניט דערלאָזן קיין ברידערונג אין פֿראָנט, קאָן קיין זאַך

נים זיין אזוי שעדליך, ווי א קאנפערענץ מיטן אנטייל פון טויזנטער אונטערטאנען".

און דער צייטווייליקער רוסישער אונטערשטיצער פונעם בריטישן אימפעריאליזם האט פייערלעך ערקלערט, אז „ערלייזן די פראגן מיקויעך מילכאמע און שאלעם איז שייעך אויסשליסלעך אים אין האסקעם מיט די רעגירונגען פון די פאראייניקטע לענדער".

אויב די צענטראלע מלוכע-מאכט האט אין זיך שוין פארקערפערט די אימפעריאליסטישע דיקטאטור, האט דאס גופע געגעבן די גרעסטע מעגליכקייטן מאביליזירן די קאנטררעוואלוציאנערע קויכעס. אף וויפיל דער א צארישער אפאראט (די אכראנקע, וואס האט בלויז משאנע שעם געווען אף קאנטר-רעזשוועדקע, די ריכטער, די טשינאווניקעס, די אזוי גערופענע „אדמיניסטראציע" דער גאנצער אליטעט און די אפיצערטום) האט נאך עקזיסטירט, אף וויפיל ער איז ניט געווען בשאס דער פעברואר-רעוואלוציע רואינירט ביזן סאף, — האט ער ווידער אנגעהייבן בליען, דערקוויקענדיק זיך מיטן כיעסדיקן זאפט פון דער רעאקציע. ס'האבן געאיילט אים צו הילף פריוויליגע פון דער בורזשואזיע: די פרעסע, די קאנטר-רעוואלוציאנערע געסעלאך, וואס האבן זיך געמערט לארויזן, קאלעריי באראטונגען און צוזאמענפארן, מאנארכיסטישע ארגאניזאציעס, וואס האבן געפאדערט א „רעפובליק", און „רעפובליקאנישע" קרייזלאך, וואס האבן געשריען מיקויעך מאנארכיע, גענעראלן און גייסטליכע, געארגיעווער קאוואלערן און טוזן פון דער אינדוסטריע, גרייז גרויע פריציס-גרונטבאזיצער און וויימערשע שלאג-באטאליאנען, יונקערן און באנקירן, מירדינדיקע ארעל-קיים אין א „בראווע קאזאקענטום".

אט די אלע פערזאנען, גרופן, ארגאניזאציעס און געזעלשאפטן, אפגעפארבטע אין שווארץ-גרינעם פארב פון בורזשואזער רעאקציע, האבן מיט זיך פארגעשטעלט א בלאק פון אייגנ-

טימער, אן אלגעמיינע „פארטיי פון ארדנונג“, וואס איז געגאנ-
גען מיט געשלאסענע רייען געגן דער פארטיי פונם פראלעטא-
רישן אויפשטאנד. דער ארגאניזירנדער צענטער פון אט דער
קאנטע איז געווארן די אזוי גערופענע „בוראָ פון
מאסקווער קלאב-טוער“. וואס איז געווען אנגעפירט
דורך מיליאנערן מיט ראזיאנרא און ריאבושינסקי בעריש.
אגאו, זיינען אלס זייערע געלערנטע קאנסולטאנטן ארויסגעטראטן
די גאנצע „מאכנע פון בארימטע“: דער אונ.אר פונם ערשטן
סאציאל-דעמאקראטישן מאניפעסט פראפעסאר סטרואוועַ; דער
ספעציאליסט פון אידעאליסטישער פילאסאפיע פראפעסאר נאווו-
גאראדצעוו, וואס האט צוגעצויגן קאנט'ס קאטעגארישן אימפע-
ראטיוו צו באדינען די אליאנים פון קערענסקין און די פייער
קאסעט פון ריאבושינסקין; פראפעסאר בולגאקאוו, וואס איז
איבערגעקערט געווארן פון א מארקסיסט אין א „געלערנטן
גאלאך“, וואס טאג בלויז אל פי טאג נישט קיין ריאסע; דער
הער בערדיאיעוו, וואס קען די קינדער איינצייטיק פוקן זיך דער
געטליכע אפאדיסע און דעם מעטאל פונם כאמעטן ערדישן
אפשטאמונג. — האקלאל „Bildung und Basitz“ (געלערנטע
און אייגנטימער), „פארבאנד פון וויסנשאפט און אינדוסטריע“ —
דאס איז געווען די פעסטונג, פון וואנען ס'האט געזאלט ארויס-
וואקסן דער אנטשיידענער אנפאל. און אט „מיליטערי-ער
קויאן“ זיינען צו זיי צוגעשטאנען די צארישע גענעראלן און די
אנפירער פונם קאזאקענטום.

דער אידייאיש פאליטישער שטאב פון דער קאנטר-רעוואָ-
לוציע זיינען געווארן די צענטראלע אנשטאלטן פון דער פארטיי
פון „פאלקס פרייהייט“, אט די קאדעטישע פארטיי פונם רוסלענ-
דישן פינאנץ קאפיטאל און פון רוסלענדישן אימפעריאליזם

דער באנק הערשט איבער די סינדיקאטן, איבער
דער בירזשע, איבער דעם מיסכער און איבער דער
אינדוסטריע. און דעריבער ווי די קליינע אינדוסטריע איז

יצט אפהייבנדיג פון דער גרויסער און צוזאמען מיט איר — פון די בענק; העט'ס ווי די הויז-אייגנטימער און די קליינ-בורזשואזיע, די פריצים און די פאבריקאנטן, די שווארץ-מייאכיש און די בורזשוא-וועלף גייען אלע אונטער די העגאמאניע פונם פינאנץ-קאפיטאל, — זייגען דערפאר זייערע פאליטישע גרופירונגען געווען נישט מער ווי א הילפס אפאראט צו דער הויפט פארטיי פון אלע צעריסענע אייגנטימער, צו דער פארטיי „פאלקס פרייהייט". די גרינע פאן פון האפנונג: די קאפי-טאליסטישע ארדנונג זאל אפגעהיט ווערן פון דער רויטער פאן פון סאציאליזם!

דער אנגעשיידענער קלאפ, וואס די רעאקציע האט געוואלט דערלאנגען דער רעוואלוציע, האט געמוזט פארקומען אונטער אן „אלגעמיין-נאציאנאלער" פאן. מ'האט געדארפט פאר-פעסטיגן די „ערראבערונגען" פונם קאפיטאל אונטערן סאוס פון „ארבעט און פאטערלאנד". מ'האט געדארפט שאפן עפיס ענלעכעס צו אן אלגעמיין-נאציאנאלער סאנקציע פאר דער קינפטיקער לעצטער איבערקערעניש, פאר דער רעסטאווראציע און פארן אומקער צו מאנארכיע, צו וועלכער די מאכט-„רעפובליקאנער" האבן געלעכצט, ווי פיש נאך וואסער. מ'האט, ענדלעך, געדארפט שאפן זיך אן ארגאניזאציאנס באזע. אט אזוי איז באשאפן געווארן די אידייע פון מאסקווער מלוכישער ארצטוני, פון א נייעם זעמסקי סאבאר. ווי די מייסים פון דער גאסיד. דומע האבן געוואלט כאפן פארן גארגל די רוסלענדישע רעוואלוציע.

ווי ס מער די בורזשואזיע האט זיך פארפעסטיקט, אלץ גרעסער זיינען געווארן אירע אפעטיטן. איצט איז שוין די פא-ליטיק פון קערענסקי און זיין קנופיע פאר די אנפירער פון דער בורזשואזיע געווען ווייניק. קערענסקי האט סאקע פארווירקליכט איר דיקטאטור, אבער קערענסקי איז געווען א צוגעקיבענער מענש, וואס האט פארבלאנדזשעט צו דער בורזשואזיע. קערענסקי האט געדינט דעם קאפיטאל מיטן גאנצן הארצן, אבער בא קע-

רענסקען זײַנען געווען „יוגענד כאַטאַאַים“. קערענסקי איז געווען מוכן ומזומן צו קושן די פּיס פֿונם קאַפּיטאַל, אָבער קערענסקי איז דאָך געווען אַ תּלמיד פֿון פּראָזע און ניט פֿון מייסים. זײַן מיסיע האָט ער שוין אויסגעפֿילט: ער האָט מיטן יוני-אָנגריף געהאָלפֿן דעם קאַפּיטאַל צושמידן די פֿאָלקס-מאַסן צום אימפּעריאַליסטישן רייט-וואָגן; ער האָט מיטן יולי-פּאָגראָם געגן פּראָלעטאַריאַט אָנגעטאָן אַ צוים אויף די אַרבעטער און סאָלדאַטן; ער האָט אײַנגעפֿירט טויט-שטראָף אויפֿן פֿראָנט. אָבער ער האָט שוין קי- מאָט אײַנגאַנצן אויסגענוצט זײַן פּאָפּולאַריטעט אָפּגעטאָן צלץ, וואָס די בורזשואַזיע האָט פֿון אים געפֿאָדערט, האָט ער לגמרי אָנגעוואָרן דעם קרעדיט בײַ דער מאַסע.

נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעטאָן זײַן מיסיע לטובֿת די קאַפּיטאַנען פֿון דער אינדוסטריע, איז זײַן נאָמען געוואָרן פֿאַרהאַסט בײַם פּראָלעטאַריאַט און בײַ די סאָלדאַטן. ער איז געוואָרן אַן אויסגעקוועטשטע לימענע, אַן פּראַזן-מאַכער, וואָס די פּראַזן זײַנע זײַנען בלויז לעכערלעך. ער האָט נאָך אַ צײַט גערעדט אין נאָמען פֿון רעוואָלוציע, אָבער מ'האָט אים שוין געוואָרפֿן אין פּנים דאָס וואָרט בויגעד. זײַנע באַשווערונגען האָבן שוין ניט געווירקט. זײַן פֿיגור האָט אויפֿגעהערט אימפּאָנירן. ניט קוקנדיק אָפֿן אויסערלעכן גלאַנץ און טראַגישן ברומען פֿון די מאַסן, האָט מען אין אים דערזעען אַ פּאַשוטן דורכגייער.

די בורזשואַזיע האָט איצט געפֿאָדערט אַ מיליטערישן דיקטאַטאָר, אָבער קערענסקי איז געווען ניט מער ווי אַ ציווילער פּלוידער-זאַ.

אַט אַזוי איז באַשאַפֿן געוואָרן אַ באָדן פֿאַר אַ נײַעם פּרעטענדענט אויף דער היסטאָרישער ראָל פֿון אַ „רעטער פֿונם פֿאָטערלאַנד“. פֿאַר אַזאַ פּרעטענדענט האָט די געלט אַריסטאָקראַטיע (די האַנדלס — אינדוסטריעלע קרײַזן און די אייגנטימער פֿון די לאַטיפֿונדיעס) באַשטימט קאָרנילאָוון. די מאָסקווער באַראַטונג

האָט געוואָלט פּראָקלאַמירן פֿאַר אַ דיקטאַטאָר אַ גויעל — אַ גענעראַל.

אין די רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראַטיעס זי האָט זיך געפֿונען אין אַזאַ צעטראָגענעם צושטאַנד, פּונקט ווי זי האָט פֿאַרלאָרן די קאָפּ. די ראַבן אָרגאַנען מיטן צייט בראַש, האָבן זיך געציערט מיקויאַך אַ צונויפֿזאַמלונג פֿון „אַלע לעבעדיגע קרעפֿטן", אָבער באַאומרויִקטע פֿון ריאַבושינסקיס לאָזונגען, האָבן זיי אָנגעהויבן אַרומקוקן זיך אין אַלע זייטן מיט שרעק. זיי האָבן זיך געפּרוּווט [illegible] אַ „בעראַטונג מיקויאַן פֿאַרטיידיגונג", אָבער דער איינציגער פּויעל-יוצא זייער איז געווען דער אַנגריף אויף די באָלשעוויקעס. זיי האָבן זיך געפּרוּווט „קריטיקירן" די [illegible], אָבער זייער קריטיק איז געווען בלויז אַ לעבעדיקע [illegible] פֿון אַ פֿאַרדאַגעסדיקן קנעכט, אַרטישליסענדיג די באָלשעוויקעס פֿון דער דעלעגאַציע פֿאַר „אַנאַרכאָ[illegible]יזם", זיינען זיי צוגע-שטאַנען צו די „אַלגעמיין נאַציאָנאַלע" לאָזונגען פֿון דער רעגי-רונג, וואָס איז אַנטלאָפֿן פֿון דער רעוואָלוציע קיין מאָסקווע.

אָבער אַן פֿאַקט איז געשטאַנען: דער פּראָלעטאַ-ריאַט. ער האָט געזען די שרעקליכע געפֿאַר, וואָס האָט זיך אָנגערוקט אַלץ נעהנטער און נעהנטער, און האָט מאָביליזירט זיינע קרעפֿטן.

מאָסקווער בעראַטונג — די פֿאַרשווערונג פֿון קאָרנילאָוו

דער מאָסקווער פּראָלעטאַריאַט האָט באַגעגנט די פֿאַרשטייער פֿון פֿאָלק אין גענעראַלישע קאַמפּאַסן, אין פֿראַקן און אין גאַלאַכישע היטלען, וואָס זיינען זיך צונויפֿגע-פֿאָרן פֿון אַלע זייטן, מיט אַ שטרייק פֿון פּראָטעסט. אויסגעבראַכ-קייט אין פֿאַראַכטונג.

„לעבן זאָל דער אַלגעמיינער שטרייק, אונזער ערשטע שטרענגע הויפּראָבע די הערן קאָנטר-רעוואָלוציאָנערן!" — האָט געשריבן דער מאָסקווער אָרגאַן פון דער פּראָלעטאַרישער פּאַרטיי „סאָציאַל-דעמאָקראַט". אין אין פערציק פּראָפעסיאָנעלע פאַראייניגן האָבן מיט אַ גוואַלדיקע מערהייט באַשלאָסן ערקלערן אָט דעם דאָזיגן שטרייק. עמעס, די פּאַכבדאַגסדיגע „רעוואָלוציאָנערן" אינעם מאָסקווער ראָט, די עסערן און מענשעוויקעס, אָט די קלעמערשטע פאַרשטייער פון די מאַסן, וואָס האָבן גאָר קיין זאַך אַזוי ניט מוירע געהאַט ווי פאַר דער אַרויסטרעטונג פון אָט די מאַסן, — האָבן געכאַפּט און „מוראָטל" געמאַכט דעם שטרייק און האָבן אַרויסגעטראָגן אַ רעזאָלוציע, וואָס ערקלערט, „אַז דער שטרייק איז נויט געפערלעך פאַר דער רעוואָלוציע". אָבער דער מאָסקווער פּראָלעטאַריאַט האָט ווידער באַשטעטיקט זיין באַשלוס, און פיר הונדערט טויזנט אַרבעטער, ווי איין מענטש האָבן אונטערגעכאַפּט דעם לאָזונג פון זייערע קלאַסן אָרגאַניזאַציעס. און אין דער זעלבער צייט, ווען אויפן נאָמען פונם פאָרזיצער פון דער שוואַרצמייעדיגער דומע האָדזיאַנקאָ זיינען אַלע טאָג אָנגעקומען באַגריסונגס טעלעגראַמען פון בירזשע קאָמיטעטן, גוטבאַזיצערישע פאַראיינען און האַנדלס-אינדוסטריעלע אָרגאַניזאַציעס, זיינען פון אַלע זייטן אָנגעקומען ידיעס וועגן שטרייקן און דעמאָנסטראַציעס פונם רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט.

האָקלאַל דער „געזעלשאַפטלעכער באַוואוסטזיין" פון די בירזשואַזנע אַלייש-פּאָליטישע אָנפירער האָט זיך אויפן שטאַרקסטן אויפן צוזאַמענגעשטויסן מיט „געזעלשאַפטלעכן באַוואוסטזיין" פונם פּראָלעטאַריאַט. „לעבן זאָל די מיליטערישע דיקטאַטור!" האָבן געשריגן די בורזשויס. „נידער מיט דער קאָנטר-רעוואָלוציע!" האָט ענערגיש ערקלערט דער פּראָלעטאַריאַט.

די בורזשואַז-מאָנאַרכיסטישע-קנופּע האָט זיך געשטעלט אַ ציל צו ווירקן אין צוויי ריכטונגען: דורך „פּאַרלאַמענטאַרישע" אַרויסטרעטונגען, און מיליטערישער באַראָטונג און דורך „אויסער-פּאַר-

לעמענטאַרישער" אַרויסטרעטונג פון יונקערן, קאָזאַקן און אָפי-
צערן מיטן רעאַקציאָנערן גענעראַליטעט בריש און אינמטע
דער פערזענליכער דיקטאַטור פון קאָרנילאָוון.

אַ באַדן פאַר אַזאַ אַרויסטרעטונג האָט זיך ענערגיש צוגע-
גרייט. מ׳האָט אין מאָסקווע אַרויסגערופן קאָזאַקישע פּאָלקן
די געאָרגיעווער קאַוואַלערן האָבן אין איילעניש מאָבילי זירט
זייערע קאָנטער-רעוואָלוציאָנערע נעסטלאַך. די אָנפירער פון די
מיליטערישע שולן האָבן געבראַכט אין שלאַכט-אָרדנונג די קוילן
וואַרפער און האָבן אויפגערופן צו די יונקערן, זיי זאָלן „זיך
איינשטעלן דאָס לעבן" און צוליבן שטאָטישן בירגער, קליינע
קרעמער, מעל הענדלער, צאָלרייכע באַאַמטע „אוגטעליגענץ",
אַט די אַלע אַדוואָקאַטן און זשורנאַליסטן, לערער און פּראָפּע-
סאָרן, גאַלאַכים און געוועזענע אַקאַדעמשגע, ריכטער און
אינזשענערן, אַרטיסטן און מעדיצין-דאָקטוירים, — האָט זיך גע-
גרייט אַ פרייליכער אויפנאַם פון קאָרנילאָוון, וואָס האָט גע-
זאָלט אונטער טריאומפאַלע טויערן דורכפאָרן, „בוקן זיך" לויטן
מוסטער פון די צאַרן צו איווערסקאַ, צווישן רייען אויסגעשטעל-
טע מיליטער טיילן, וואָס שרייען מיט היספּיילעס „אוראַ" דעם
גויעל פון דער בורזשואַזער וועלט און צווישן אַ פּובליקום, וואָס
באַזייט זיין וועג מיט קווייטן.

דער בירגער, וואָס האָט פריער אַפּלאָדירט קערענסקין און
אין מאַרט האָט ער געוויינט מיט טרערן פון סימכע איבערן
„ערשטן רעוואָלוציאָנער" ראַדזיאַנקאָ, — אַט דער קליין בורזשואַ,
אַ צוגעבונדענער צום אימפּעריאַליסטישן רייט-וואָגן, האָט פּשוט
ג ע ל ע כ צ ט נאָך „אָרדנונג" און „פעסטער מאַכט". אים האָט
לאַכלוטען אַלץ אויפגעבראַכט: ס׳האָבן אים אויפגעבראַכט די
סאָלדאַטן, וואָס זיינען גלאַט-אַזוי געהאַנגען אויף די טרעפּלאַך
פונ׳ם טראַמוויי, און איז געוועזן בעעמעס צופרידן, ווען זיי האָבן
זיך געבראָכן ריק און לענד; ס׳האָבן אים אויפגעבראַכט די
דינסטן און די דוואָרניקעס, וואָס האָבן באַקומען שוין ניט קיין

...ובל אַ כּוידעש און וואָס האָבן געהאַט די האָזע פּאָדערן
-אָר זיך אַ מענטשליכע עקזיסטענץ; ס'האָבן אים אויפגע-
בראַכט די ראָטן, וואָס האָבן „באַגאַזעלט" די הויז אייגנטימער,
רעקוויזירנדיק ליידיקע דירעס.

ווי אַ מאַרק סעדעכע, האָט ער גערן געכאַפּט מיט'ן אויער
יעטווידער בילבול, וואָס איז אָנגעווענדט געגן דער רעוואָלוציע
און האָט דאָס מייקעף פאַרשפּרייט און זיינע בּלעטלאַך, צייטונ-
גען, פּראָקלאַמאַציעס, עפּענטליכע שמועסן און איינראַמענדע
סוידעס. ס'האָבן זיך דאָ ריידענר פאַראייניקט דער פאַרשמאַלצע-
וועטער פּידזשאַק פון דעם כאַזער-הענדלער און דער עלעגאַנטער
אָנצוג פון דער סעאַטראַלער באַלערינאַ.

או אַס דער בּרגער האָ געזאָלט שפּילן די „ראָל פּ׳ן
זאַלק", וואָס זאָלבט צוזאַמען מיט דער מלוכישער באַראַטונג
דעם נייעם מעשיאַך, וואָס דאַרף ראַטעווען „די אַנשטענדיגע
לייט" פון „דער טי־אַנערייל פון סאַלדאַטן, וואָס האַלטן ניט מיל-
כאַמע, און אַרבעטער, וואָס אַרבעטן נישט". (1

די מאַסקווער באַראַטונג, וואָס איז שוין ערקלערט גע-
וואָרן אַלס „מלוכישע", האָט זיך אַ ויסגעוויזן ווי אַ היסטאָרישע
קאָמעדיע פון ערשטן סאָרט. קימאַט ניטאָ נאָך קיין ביישפּיל
צו אַזאַ מין צוויעס, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט ווי אף באַטן
יג׳ם אָפּערן זאַל פונ׳ם גרויסן טעאַטר. אַלץ, וואָס דאָרט איז
פאָרגעקומען, איז געווען אַ מין אָפּמאַך, וואָס האָט אויס-
געזעהן ווי אַ קאַמף, קויים נישט צו זיין קיין קאַמף. וואָס איז
ביישום אויפן נישט ענליך אף אַן אָפּמאַך.

די באַראַטונג איז געווען אַן אָפּמאַך
פון די קליין בורזשואַזע אַנפירער מיט
די צענז עלעמענטן; און אין דער זעל-
ביגער צייט איז וואָס געווען אַן אָפּמאַך

---

1) גאָוו. ווערעמיא 17 VIII 11

פון צוויי דיקטאטארן: איינער, וואס איז גע-
וועזן, און דער אנדערער, וואס אף זיין זיג
מען האט מען ערשט געווארט.

„דאס אייגנטלעכן פונם פראגס איז פארגעקומען לויט די לאזונגען פון דער „פארטיי פון פאלקס פרייהייט“ — האט געשריבן דער קאדעטישער אפיציאז „רעטש“, 1) אונטער פירנדיק א סך „האקל אונטער אט דער אמעריקאנישער פארשטעלונג. האקלאל, זי האט, מאשמאעס, מער אדער ווייניק אויסגעפילט איר אויפגאבע.

די באראטונג האט גערעדט אין נאמען פון דער „נאציע“. אין ווירקליכקייט אבער איז פון איר געווען אויסגעשלאסן דער יסאד פון דער נאציע: דער פראלעטאריאט און די ברייטע פויערן. דערפאר אבער זיינען געווען פארגעשטעלט אלע שאטירונגען פונ'ם בלאק פון אייגנטימער. דעם האנדל האט מען געפירט אין דעם באלעבאס. אבער דאך האט דאס נישט אויפגעהערט זיין קיין האנדל.

די מלוכיש-האכמוטיגע הייזעריגקייט קערענסקיס, וואס האט צוגעזאגט אייזן און בלוט פארן פראלעטאריאט, איז געווען א האקראמע צו א העסליכער סצענע פון ברידערונג צווישן געפוצטע רעדל-פירער פונ'ם קאפיטאל און העלדן פון קליין-בורזשואזע פראזן, צווישן באנאפארטן, וואס שטאמט פון געשווארענע אדוואקאטן, און א דיקטאטאר פון קאזאקישע גענעראלן.

קערענסקי האט געוואוסט, אז קארנילאוו זאמלט מיליטער, קדי צו מאכן א באוואפנטע איבערקערעניש. דאך האט ער אים באגריסט, ווי דעם „ערשטן סאלדאט פון דער רעוואלוציע“, און די פירנדע-ווערק האבן די באגריסונג באגלייט מיט גוואלדיגע הוספילעס. און אין דער זעלבער צייט האבן זיי געמאכט קאנטר-האכאנעס, „אף יעדן פאל“, און ביידע גע-

1) „רעטש“ 17 — VIII — 16

נער זיינען פֿאַרזיכטיק אַוועק שלאָפֿן אין זייערע וואַגאָנעס, וועל-
כע זיינען געווען יעדער רגע גרייט צום באַוויזן אָפּפאָר-
ן. צ ע ר ע ט ע ל י האָט געוואוסט, אַז די דעמאָקראַטיע האָט ניט
וואָס צו וואַרטן פֿון דער רעאַקציע, וואָס אַנטוויקלט זיך מיטן
גאַנצן טעמפּ. דאָך האָט ער דערווייל געקוועטשט די האַנט דעם
מאַכער פֿון דער פֿינאַנץ-קנופּיע בובליקאָוון, האָט אים געגעבן
ראַכמים, ווי ס׳האָבן געשריבן די „איזוועסטיאַ" פֿונעם „אַבאָ-
ראָנטשעסקן" ציק, „צו פֿרייוויליג פֿאַרלעשן די קלאַסן סיכסוכים".
דער טריאומווירט: אַלעקסייעוו, קאָרנילאָוו, קאַלעדין —
האָט ברייט פֿונאַנדערגעוויקלט אַ טאַליאַנים-פּראָגראַם פֿונעם פֿי-
נאַנץ-קאַפּיטאַל. אָפּרעכענען זיך מיט דער רעוואָלוציע, מוואַטל
מאַכן „די ראָטן און די קאָמיטעטן", אויסראַמען אָדער מאַכן
לגאַמרע אומשעדליך די אַרמייאישע אָרגאַניזאַציעס — אָט דאָס
איז געווען די פּראָגראַם פֿון די גענעראַלן, וואָס איז באַוויליקט
געוואָרן דורכן זאַוואָד, גוטשקאָוון, באַנק און בירזשע. אָבער ניט
בלויז אומפֿילבאַר דורך זיי. די פּראָגראַם ריידע, וואָס קאָרנילאָוו
האָט געליינט, איז געווען אָנגעשריבן צוליבן גענעראַל דורך
ק ע ר ע נ ס ק י ס מ ש אָ ר ע ס פּ י ל אָ נ ע נ ק אָ. אָט דער
זעלביקער פֿילאָנענקאָ, וואָס האָט צוזאַמען מיט סאַווינקאָוון גע-
שאַפֿן צוליב קערענסקין דעם פּראָעקט פֿון טויט-שטראָף פֿאַר
סאָלדאַטן. זעלבסטפֿאַרשטענדליך, אַז די מיליוקאָווס און די ריאַבו-
שינסקיס האָבן געפֿירט די זעלביקע ליניע, וואָס זייערע כאַווי-
רים די מיליטער-לייט.
די אַזוי גערופֿענע „דעמאָקראַטיע", דאָס הייסט די רעטן-
אָנפֿירער, די ראַטמענער פֿון די שטאָט-דומעס, די באַאַמטע פֿון
די קאָאָפּעראַציע, וואָס זיינען רויסגעפּראַסן אונטערן פּסעוו אַ-
נים פֿון „רעוואָלוציע", זיינען געקומען אין דער באַראַטונג מיט אַ
דעקלאַראַציע, וואָס האָט אַרומגעשניטן די שוין אַזוי אויך פֿרומ-
געשניטענע פּלאַטפֿאָרם פֿון די „אָבאָראָנצעס". דער קאַמף פֿאַר
שאָלעם איז קימאַט פֿאַרשוויגן (ניט אומזיסט האָט געשריבן

די צייטונג פֿון אָכראַניקעס „נאָוויע ווֹרעמיאַ“, אַז „רוסלאַנד האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿאַקטיש ניט קיין אינטערנאַציאָנאַלער געזינדל“). אַליין האָט זיך פּראַייביקט אַרום אין אַלגעמיין-נאַציאָנאַלן לאָזונג פֿון פֿ אַ ר ט יי ד י ג ו נ ג. „ניכטערקייט“ און „רעאַליסטיש-קייט“ פֿון אָנהויב ביזן קאָפּ! איין שויס ניט אָן ערלויבעניש פֿון באַלעבאָס. וואָס שרייט שוין: שטיל! אַפֿילו דער אָרגאַן פֿון מיטל-מעסיגער רעוואָלוציאָנערקייט און רעוואָלוציאָנערער מיטלמעסיק-קייט „אָוואַ זשיזן“, אָפּשאַצנדיק טשכעאַיזעס דעקלאַראַציע; האָט געפֿרעגט מיט וואונדער: „האָט זיך דען מיט צוויי כאָדאָשים צוריק מערער געקאָנט וואונשן אַפֿילו די היציקסטע פֿאַנטאַזיע פֿון מיליוקאָוו און גוטשקאָוו?“

אָבער די אַפּעטיטן פֿון דער בורזשואַזיע זיינען יעדער טאָג געוואַקסן; די קאַפּיטולירנדע „דעמאָקראַטיע“ האָט אויף דאַנק-באַרקייט פֿון איר צד ניט געהאַט וואָס צו וואַרטן. און בעת טשערנאָוו, אָט דער קליינבירגערלעכער פּאָליטישער שווינדלער, וואָס האָט פֿאַרשטעלט זיין באַכראַנעס מיט כקירעס וועגן עסיק, האָט אָנגעהויבן אַפּלאָדירן קאַלעדינען, וואָס האָט פּראָטעסטירט קעגן באַשולדיקן די קאָזאַקן אין קאָנטר-רעוואָלוציע, האָט דער בראַ-ווער גענעראַל אים אַ שפּיי געטאָן אין פּנים מיט זיין ענטפֿער, ערקלערנדיק, אַז „פּאַראַזשענצעס“ האָבן ניט קיין אָרט אין רע-גירונג, ווייל מ'האָט ניט צורעדט מיקויאַך „קאָרבאָנעס“, „קעגנ-זייטיקע האַנאָכעס“ „אַלגעמיין-נאַציאָנאַלע אויפֿגאַבן“; ווי פֿיל טרערן ס'האָט ניט פֿאַרגאָסן דער „איידעלער“ צעטעלי, וויפֿיל אַנעקדאָטן כ'האָב ניט דערציילט דער „אָנפֿירער אין ימיכיע“ פּלעכאַנאָוו, וויפֿיל מוסער כ'האָט ניט געזאָגט דער אויסער-מלוכעשער פֿאַרהערער פֿון דער מלוכעשער באַראַטונג פּירסט קראָפּאָטקין צוזאַמען מיט אַלע זיידעס און באָבעס פֿון דער רו-סישער רעוואָלוציע, — די קאַפּיטאַליסטן און זייערע אידעאָלאָגן זיינען געבליבן בײַ זייערס. און אין עצעם האָבן זיי אויסגעפֿירט.

די דעמאָקראַטיע האָט זיך אַרויסגעוויזן זעהר אַ געהאָרכזאַמע מ'האָט איר געקאָנט נעמען מיט די הוילע הענט.

אָבער אַ קליינער קרעמער שרייט ווען זיין געשעפט אויך דאַן, ווען מ'שלאָגט אים אין באַק: ראַטעוועט ייִדן, ער האָט דאָך נאָך אַ באַק, וואָס קאָן כאַפּן פּעטש! דערפאַר האָבן די דעמאָקראַטישע אָנפירער יעטווידער מאַפּאָלע אָנגענומען ווי אַ גנאָד. איינציקע פון זיי האָבן מודיע געווען, אַז די „דעמאָקראַטיע" האָט אָנגעכאַפּט, „אָבער דערפאַר טאַקע—האָט פעסטגעשטעלט דער „אָרגאַן פונם סאָציאַליסטישן געדאַנק" „ריעטש", וואָס האָט פאַרקויפט זיין געדאַנק דעם באַנק קאַפּיטאַל — אָט דערפאַר טאַקע, ווייל זי (די דעמאָקראַטיע) איז געווען שטאַרק, האָט זי געהאַט מוט אָפּצוטרעטן". „מוט אָפּצוטרעטן!" — אָט דאָס איז געווען די „מוט" פון די העלדן צערעטעלי און טשכעאידזע.

אויב דער פאָרשפּיל-טייל פון דער מאָסקווער באַראַטונג איז געווען אָט אַזאַ מיט אַ נייעם רעכטס, זיינען דערפון געווען צופרידן נישט בלויז די נאַטירלעכע רעאַקציאָנערן: ס'איז אין עם בלוטיק געווען פאַראינטערעסירט אויך דער אינטערנאַציאָנאַלער קאַפּיטאַל. די געזאַנדטע פון די פאַרבינדעטע וואָס האָבן אָנגעפילט די קייזערליכע לאָזשע, האָבן קיינעם אָבער הייס נישט באַגריסט ווי דעם בלוט ווישטיקן גענעראַלישן טריומוויראַט. ס'איז גאָר קיין כידוש נישט, אַז דער נאָהענטסטער רעזולטאַט פון דער מאָסקווער באַראַטונג איז געווען די מעגליכקייט צו מאַכן אויפן אויסלענדישן מאַרק אַ פינף מיליאַרדענדיקע הלוואָה. 1) דאָס איז געווען נאָך מער מעגליך דערפאַר, ווייל גענעראַל קאָרנילאָוו, פאָדערנדיק טויט-שטראָף אין טיל האָט געסטראַשעט, אַז ער וועט אָפּגעבן ריגע. און ער האָט דאָס טאַקע „מקיים" געווען.

---

1) בירזש. וועדאָמ. 17—VIII—17

די מלוכעשע באַראַטונג איז נישט פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ דויערנדיקן פּאַרלאַמענט, ווי דאָס האָבן געהאָפֿט די הערן פֿון „גאַזעטאַ ווענעציא". ס'איז אָבער אויך נישט פֿאָרגעקומען קיין אויסערליכע איבערקערעניש, אַף וועלכער ס'האָבן אַזוי געוואַרט די בורזשויס. מיקאַל האַמינים. עמעס, דער „נאָמען" פֿונם „העלד" איז געווען בײַ אַלעמען אויפֿן צונג. אַ מיליטערישער אַוואַנטוריסט און „אָרנטליכע שווערט", נישט קיין איבעריקער כאַכעם, אָבער אַ מענטש, וואָס גייט דירעקט צום ציל. — אָט דער ברייטבייניקער גענעראַל מיטן קאַלמיקישן פּנים, וואָס האָט פֿעסט פֿאַרשלאָסן באַגיסן די גאַסן פֿון די שטעט מיט אַרבעטער-בלוט און דורך צע-שיסונגען מאַכן אַן עק מיט די רעוואָלוציאָנערע סאָלדאַטן, איז געווען גאָר אַ פּאַסענדער מענטש פֿאַר „מיליוקאָוו און ריאַבושין-סקין. צו אים אַף אוידיענץ פֿלעגן גיין מיט באַריכטן, ווי מ'גייט צו „האָכגעשטעלטע פּערזאָנען": פּוטילאָוו און ריאַבושינסקי, דער פֿאַרדעכטיקטער דיפּלאָמאַט אַלאַדין און דער אָנפֿירער פֿון דער קאַדעטישער פּאַרטיי מיליוקאָוו. — זיי אַלעמען איינער נאָכן אַנדערן בוקן זיך דעם טאַליען.

אָבער ווי שטאַרק ס'האָט זיך נישט געגלוסט די, וואָס האָבן געלעכצט נאָך אַ גענעראַלישער דיקטאַטור, אַז די מאָסק-ווער באַראַטונג זאָל סאַנקציאָנירן דעם Couf dé'tat, קיין איבער-קערעניש איז נישט פֿאָרגעקומען. די הערן גענעראַלן האָבן דער-זען, אַז דער פּ ר אָ ל ע ט אַ ר י אַ ט, וואָס האָט מיט אַן אַלגע-מיינעם שטרייק באַגעגנט די צונויפֿפֿאָרעניש מערדער, האָט גע-געבן אַ ווידערשטאַנד. מ'האָט געדאַרפֿט געווינען די צײַט. מ'האָט געדאַרפֿט בעסער מאָביליזירן די מיליטערישע קרעפֿטן פֿון דער קאָנטר-רעוואָלוציע, כדי צו בײַקומען די ווידערשפּעניקע אַרבע-טער מיט אַ ענדגילטיקן קלאַפּ.

די פאַרשווערונג איז אָפּגעלייגט, אָבער נישט באַטל געוואָרן.

די גרעסטע האכאָנג-אָפּעראַציע צו אַט דער פאַרשווערונג איז געווען די שיידערליכע פּ ר אָ וו אָ ק אַ צ י ע אין פּ ר אַ ג. קאָרנילאָוו האָט אָ פּ ג ע ג ע ב ן ר י ג ע אַלט אַ בייט אַף טויט-שטראָף. די גרעסטע פאָלקן פון די לעטישע שיסערס, דורכאויס באָלשעוויסטישע זייענדיק ספּעציעל, אייגציקווייז געשיקט געוואָרן אַף אַ זיכערן טויט. קאָרנילאָוו האָט בעשפּילט נישט אָנצואווערן. וועלן זיי נישט פאָלגן דעם באַפעל, וועט מען קאָנען אַרופוואַרפן אַף זיי די שולד אין דער מאַפּאַלע, און פאַרניכטן זיי מיט די הענט פון די סאַליאַנים. טויט-שטראָף וועט דאַן גיין אַ טאַנץ איבערן גאַנצן לאַנד. וועלן זיי יאָ פאָלגן, וועלן זיי פאַלן פון די דייטשע קוילן. זיי האָבן געפאָלגט, קדיי צונעמען די מעגליכקייט בײַ אַט די לייטלעך פון דער קאָנטר-רעוואָלוציע צו מאַכן בילבולים אַף די באָלשעוויקעס. און זי זיינען געפאַלן קאָרבאָנעס. אָבער זייער טויט האָט זיי נישט אויסגעלייזט פון קיין בילבול. אין דער זעלבער צייט ווען קאָרנילאָוו האָט דורך געהיימע ידיעס „באַרוהיגט“ די מאַראַדערן, די פאַרבינדעטע, ערקלערנדיק זיי די עמעסע סיבעס, פאַרוואָס ער האָט אָפּגעגעבן ריגע, האָט ער פון סטאַווקע פאַרשפּרייט דעם נידערטרעכטיקסטן בילבול אַף די סאָלדאַטן. אומזיסט האָבן פּראָטעסטירט די אַרמייאישע אָרגאַניזאַציעס; אומזיסט האָבן פּראָטעסטירט אַפילע די קאָמיסאַרן פון דער צייטווייליקער רעגירונג; אומזיסט האָט וואָיטינסקי, אַט דער זעלבער, וואָס האָט אין די יולי-טעג געהייסן צעשיסן די אַרבעטער, געגעבן „דעם גאַנצן לאַנד“ אַ שוואוע, אַז די סאָלדאַטן האָבן זיך געהאַלטן ווי העלדן. די סטאַווקע האָט געהאַלטן אין איין לייגן, מעלדנדיק וועגן דעם, ווי מ'וואַרפט גלאַט אַוועק די פּאָזיציעס, ווי מ'פאָלגט נישט קיין באַפעלן, און וועגן דייטשע אַגענטן. אַ נייע אומריינע כוואַליע פון אומגעהערטן שעקער און

פּאַרעטעריקע העצעריי קעגן די ראַלראַטן האָט פֿאַרשווינקט דאָס גאַנצע לאַנד. די „האַכפּאַטריאָטישע" צייטונגען פֿון די קאַפּיטאַל־מאַגנאַטן האָבן געשילדערט די אַרמיי, ווי א געזינדל פֿון נעבעכ־דיקע פֿאַנדאָנים, ווי אַ ווילדע באַנדע פֿון פֿאַנאַמטשיעס. און אַלס ענטפֿער אויף די רוסישע אָפֿיציעלע מעלדונגען, וואָס האָבן געשטאַמט פֿון דעם „אַלערהעכסטן הויפּט־קאָמאַנדיר", האָט זיך געטראָגן אַן אָפּקלאַנג פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער פּרעסע אין אייראָפּע און אַמעריקע. „Matin" און „times", „temps" און „Daily Chronicle" זיינען געווען פֿול מיט עפּיטעטן פֿון דער נידעריקסטער זידלעריי קעגן דער אַרמיי, וואָס איז פֿאַרקויפֿט געוואָרן דורך אירע אייגענע גענעראַלן און בורזשויעס: „אַנטלאָפֿן אַן אַ שלאַכט", „נישט געפֿאָלגט די באַפֿעלן", „ווילדע אַרמייִשע קאָמיטעטן", „פּאַרטעטעריי וואָס איז שוואַך צווישן די רוסישע מיליטער", „צוריקשטעלן די אייזערנע דיסציפּלין", — אַ קיצער, די פֿאַרבינדעטע האָבן גלענצנד טויטס געווען די גאַנצע רוסלענדישע טערמינאָלאָגיע פֿון די כראָניקעס פֿון „נאָוואַיאַ ווריעמיע" און פֿון די אימפּעריאַליסטן פֿון „רעטש", ווייל זיי זיינען געהיים געווען אינפֿאָרמירט וועגן אַלץ און זיי האָבן נאָר מיטגעהאָלפֿן מיליוקאָוון דערגרייכן די געוואונטשטע ציל: טויט־שטראָף.

און די „דעמאָקראַטישע" די פּשאָרעטיקע מאַכטע האָט אַלץ געפֿירט איר פֿריערדיקע פּאָליטיק: איבערזעצן פֿון די געשרייען וועגן „אַנאַרכיע" אַ געצאַבריקע, אַ געשלאָגענע האָט די „דעמאָקראַטיע" פֿון טשכעאידזען און צערעטעלין, ליבערן און דאַנען געהאַט אין זיך מוט צו ווייז אויף אָנצופֿאַלן אויף די באָלשעוויקעס, וואָס האָבן געפֿירט אַ ענערגישע קאַמפּאַניע קעגן צעשיסונגען און טויט־שטראָף, ס'איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז די „נאָוואַיאַ ווריעמיאַ" האָט מיט פֿולע רעכט געשריבן: „עפּעס די „איזוועסטיאַ ס. ר. ד." אַט דאָס זעלבע, וואָס ס'האָט זיך געדרוקט אין „נאָווייע ווריעמיאַ" אין אַפּריל, פֿולט איצט אָן די זיילן

פון אַט דעם רעגירונגס־אָרגאַן, פאַרשפּעטיקט אויף צוויי כאָדאָשים? דאָס איז ביכלאַל אַ נאָרמע פאַרן לאַנגזאַמען דינקען פון די כאַווייריס" [1])

אין אַ מעשאַך פון „צוויי כאָדאָשים" האָט זיך די רעוואָלוציאָנערע (!) דעמאָקראַטיע (!!) צוגעקוקט צו די פּאָזיציעס פון סוּוואָרינס קינדער!

אָבער אויך דער בלאָק פון די קליין בורזשואַזע פּאַרטייען, וואָס האָט אָנגעוואָרן דעם צוטרוי בײַ די מאַסן, איז געווען פאַרנומען מיט אַ פּערמאַנענטע קאַפּיטולאַציע פאַר די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע קרײַזן, האָט דער בלאָק פון אָט די לעצטע געהאַלטן אין איין גרייטן זיך, אָרגאַניזירן אַן אַרויסטרעטונג, אין טיל און אָפן פראָנט, אין די הויפּט־שטעט און אין זאָן האָבן זיך געשאַפן צענטערן פאַר קאָנטר־רעוואָלוציע. דער „אַלערהעכסטער הויפּט־קאָמאַנדיר" און „דער ערשטער סאָלדאַט פון דער רעוואָלוציע" האָט פיבערהאַפט איבערגעפירט די מיליטערישע קרײַזן, אַרויספירנדיק פון די צענטערן פון דער רעוואָלוציע דאָס רעוואָלוציאָנערע מיליטער און אָנפילנדיק זיי מיט „זיכערע" קאַוואַלערישע טיילן.

אָט די גאַנצע צוגרייטונגס־אַרבעט איז געשען געוואָרן אונטערן לאָזונג, וואָס האָבן אויסגעטראַכט די קאַדעטיש־גענעראַלישע פּראָוואָקאַטאָרן: „ק אַ מ ף מ י ט ד ע ר פ אַ ר ש ו ו ע ר ו נ ג פ ו ן ד י ב אָ ל ש ע װ י ק ע ס". צוגרייטנדיק אַ פאַרשווערונג פון פּריצים און קאַפּיטאַליסטן, האָבן זיי געשריען וועגן אַ פאַרשווערונג פון אַרבעטער; אָפּציהענדיק מיליטער פונעם פראָנט, האָבן זיי באַשולדיקט די פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי אין פאַררעטעריי; אָרגאַניזירנדיק די קאָנטר־רעוואָלוציע, האָבן זיי געליאַרעמט וועגן דער קאָנטר־רעוואָלוציע פון די אַרבעטער און סאָלדאַטן; פירנדיק צו אַ בירגער־קריג, האָבן זיי געוואַלדעוועט וועגן אַ בירגער־קריג

[1]) נאָוואָיע ווערעמיא 19—VIII—17.

ביזאַר דעם פּראָלעטאַריאַט; פּאַראַדירנדיק מיט געווער אין די הענט דעם רעוואַנש פֿונם קאַפּיטאַל, האָבן זיי ערקלערט אַלס לאָזונג פֿון די אַרבעטער דעם לאָזונג פֿון דער פֿראַנצויזישער בורזשואַזיע: "enrichisez vous" („באַרייכערט זיך").

יעדן טאָג האָבן די צייטונגען „פּאָשט ימא" אַ באָלשעוויסטישן אויפֿשטאַנד. יעדן טאָג האָבן זיי געשריבן וועגן קינפֿטיקע „פּאָגראָמען", וואָס די באָלשעוויקעס וועלן קלוימערשט מאַכן. אַנרייצנדיק דעם בירגער, וואָס איז בטעווע אַ פּאַכדן, אָבער וועלכער ווערט בלוטדורשטיק ווי נאָר ער דערפֿילט זיך אין געפֿאַר, האָבן די שווינדלערס פֿונם גרויסן קאַפּיטאַל „געשאַפֿן אַ שטימונג" צוליב אַ ענטגילטיקן קלאַפּ.

„גיכער אָפּשאַצנדיק די לאַגע,-האָט דער דירעקטאָר פֿון דער דיפּלאָמאַטישער קאַנצעלאַריע באַם שטאַב אין סטאַווקע, טרובעצקאָי, געהיים טעלעגראַפֿירט דעם מיניסטער פֿון אויסערן אייניאַנים—מוז מען מודה זיין, אַז דער גאַנצער באַשטאַנד פֿון קאָמאַנדירן, דער גרעסטער טייל פֿון אָפֿיצערן און די בעסטע גרונט-טיילן פֿון דער אַרמיי וועלן נאָכגיין צו קאָרנילאָוון. אין זייט וועלן אויך זיין צאַד איבערגיין דאָס גאַנצע קאָזאַקענטום, ס'ראָוו מיליטערישע שולן און אויך די בעסטע גרונט טיילן... צו דעם פֿיזישן קויאַך מוז מען מוסיף זיין... דאָס מאָראַלישן מיטפֿילן פֿון אַלע ניט-סאָציאַליסטישע שיכטן פֿון דער באַפֿעלקערונג, און אין די נידעריקע שיכטן... גלייכגילטיקייט, וואָס וועט פֿאָלגן יעדן שמייס פֿון רוט. ס'איז קיין ספֿק ניט, אַז אַ גרויסע צאָל מאַרט-סאָציאַליסטן וועלן טייקעף אַריבערגיין אויף זייער צאַד... זאָגן, אַז קאָרנילאָוו גרייט צו אַ ניצאָכן ווילהעלמען, איז איבעריק אין דעם מאָמענט. ווען פֿאַר די דייטשע מיליטער בלייבט איבער נור דורכ[illegible] אונזער שטאַט".

אָט אַזוי האָבן אָפּגעשאַצט „דעם ריצאָן צוזאַמענהאַנג פֿון די קויכעס" די פֿאַרשווערער פֿון דער קאָנטר-רעוואָלוציע.

אין עצעם האָט די קאָנטר-רעוואָלוציע ארומגענומען דריי ספערן. דער גרעסטער קרייז האָט איינגעשלאָסן אין זיך אויך די ציטווײַליגע רעגירונג מיט ק ע ר ע נ ס ק ע ן בראָש. דאָס איז געווען אַנאָפּמאַך פון צוויי דיקטאַטאָרן קעגן דער רעוואָלוציע, אַן אָפּמאַך, וואָס איז פֿאַרפֿעסטיגט געוואָרן אין צאָל רייכע אונטער-קוליסנדיגע אונטערהאַנדלונגען, וואָס זיינען געווען פֿאַרהיילט נישט בלויז פון די אויגן פונם פאָלק, נאָר אויך פון די אָנפֿירער פון דער זעלביגער „דעמאָקראַטיע“, וואָס האָט זיך נאָך אַלץ נאָכ-געשלעפּט נאָך קערענסקען. דער צווייטער, אַ גאַ ענגערער קרייז — דאָס איז די פֿאַרשווערונג פון קאָרנילאָוון גופא. דאָ זיינען געווען מאָביליזירט אַלע זיכערסטע קויכעס פון דער קאָנטר-רעוואָלוציע מיטן רעאַקציאָנערן גענעראַליטעט בראָש. ענדלעך, די דריטע ספערע, אַ פֿאַרשווערונג אין אַ פֿאַרשווערונג, איז געווען אַ מאָ-נאַרכיסטישע פֿאַרשווערונג פון אַ בינטל געוועזענע ניקאָלאַיס הויף-לייט אונטערן אָנפירונג פון אַ פּאָר סענאַטאָרן, שטורליוטע גוואַרדייאישע אָפיצערן, געוועזענע פרייליכע מאַרגאַריטאַ דורגאַווא הויכע פּיריסטן און שווינדלערישע טרעפּערס פון דער הויף קנופּיע

קערענסקי, וואָס האָט גוט פֿאַרשטאַנען, אַז די בורזשואַזיע נויטיגט זיך נישט אין אים, נור אין קאָרנילאָוון, איז אַלץ ווייטער און ווייטער געגאַנגען אַן וועג פון צופּאַסן זיך צום קאָנטר-רע-וואָלוציאָנערן קורס. ער האָט אָבער געמוזט האָבן כאָטש עפּיס וואָס ענליכעס אַף אַ פֿאַרבינדונג מיט די מאַסן. אין עצעם איז שוין זיין לאַגע געווען די לאַגע פון אַ פּראָוואָקאַטאָר, וואָס האָט זיך פֿאַרפּלאָנטערט אין די נעצן פון אָכראַנקע. גיט ער נישט אויס, זאָגט מען אָפּ; אָבער מ'זאָגט אים אָפּ אויך דאַן, ווען ער ווערט ענדעקט דורך די רעוואָלוציאָנערן, וואָס ער האָט אויסגע-געבן קערענסקי האָט שוין אָנגעוואָרן קימאַט דעם גאַנצן קרעדיט באַ די מאַסן. אָבער ער זאָל קאָנען אויספֿירן זיין בקאָוועדיגע מיסיע האָט ער נאָך געמוזט מאַכן אַ שטריינגן ז ש ע ס ט רעכטס, קדיי בפֿויעל מאַמעש אָפּטון ווילדע מייסים בנויגייע צו די לינקע.

אָפן אַרויסטרעטן געגן קאָרנילאָוון-וואָלט געהייסן צורייסן מיט דער פיגאגן-קגופיע און מיט די גענעראַלן; אָפן שליסן מיט זיי אַ פּאַרבאַנד-הייסט פּאַרמיליגן די שיריאַים פון צוטרוי צו זיין אייגענער פּערזאָן, וואָס איר רעפּוטאַציע איז שוין אַזוי אויך בעשליינפּערליך אונטערגעגעצט געווען. בײַ אַזעלכע באַדינגנו גען איז געבליבן נור איינס: שפּילנדיג אַ קאָמעדיע פון קאַמף, אין ווירקליכקייט גיין אַף אינטערקליסנדיגע אָפּמאַכן, דאָס הייסט פּאַקטיש מאַכן אַ פּאַרשווערונג געגן דער רעוואָ־לוציע. אויספירן דאָס איז געווען גאָר נישט שווער דערפאַר, ווייל צוליב קערענסקעס משאַרסים זייגען געווען אויסגעשפּראַכענע קאָרנילאָווצעס, סאַווינקאָוו, פילאַנענקאָ, בורצעוו, נישט ריידנדיג שוין וועגן די מיטגלידער פון דער קאַדעטישער פּאַרטיי, זייגען געווען הייסע אַנהייגער פון אַ מלוכה איבערקערעניש לטובֿת די גוטבאַזיצן פון דער אַדעל און די באַנק-קאַנטאָרן. אַט פּאַרוואָס די ערשטע האַכאַנעס צום שלאַכט (און צו אַ שלאַכט ניט בלויז מיט די באָלשעוויקעס, נאָר אויך מיט די מענשעוויסטיש עסערישע ראַטן, זייגען געמאַכט געוואָרן לויטן באַפעל פון די באַנאַפּאַר־טישע קאָמעניאַנטן. און סאַווינקאָוו מיטן הסכּם פון קערענסקען האָט געשלעפּט צו פּעטערבורג דעם 3.טן קאַוואַלערישן קאָרפּוס, קדיי צורעכנען זיך מיט דער זעלבער רעוואָלוציאָנערער דעמאָק־ראַטיע, וואָס ער האָט זיך אָנגערופן אַלס איר אַנהייגער.

דעם 26-טן אויגוסט האָט קאָרנילאָוו דערלאַנגט זיין אולטימאַטום דורך דעם פירסט לוואָוו, איינער פון די מיניסטאַרן פון דער ערשטער „רעוואָלוציאָנערער" רעגירונג: קערענסקי „אַרעסטירט" לוואָוון. קאָרנילאָוו (בײַ אים אין סטאַווקע האָבן זיך שוין באַזעצט די „קלאַל טוער") לאָזט אַרויס אַ פייערליכן מאַני־פעסט צום „רוסישן פאָלק", וואו ער ערקלערט, אַז די רעגירונג איז אין די הענט פון דייטשן און באָלשעוויקעס. די „מילראַמע" הייבט זיך אָן...

אין דער זעלביגער צייט, ווען גוטשקאָוו, ראָדזיאַנקאָ

און די איבעריגע אַנפירער פון דער קאַדעטיש-שוואַרצמייאישער בורזשואַזיע אָרגאַניזירן אַ מערדערישן אָנפאַל פון דער סטאַווקע, רייסן אויף די קאַדעטישע מיניסטאָרן די רעגירונג פון אינעווייניג קדיי אָפּצושוואַכן זייערע באַ׳ישעוואַטע „סאָציאַליסטישע״ קאָלעגן דער קאַבינעט פאַלט מיט אַ גערויש און אַ קנאַקעריי. סהייבט זיך אָן אַ גוואַלדיגער טומעל צווישן די „הויכע ספערן״ נאָך קנייט-שעפישן, אונטערהאַנדלונגען, דראָהונגען און באַקאַשעס, צווישן אַ נעץ פון קייטיגע אינטריגעס, שווימט ארויס אויף גאָטס וועלט אַ רעגירונג פון קערענסקי-קישקין.

די בירזשע רעאַגירט אויף קאָרנילאָווס אַרויסטרעטונג מיט אַנאַלגעמיינע העכערונג פון ווערט-פּאַפּירן. דער אינטערנאַציאָנאַלער קאַפּיטאַל אַפּלאָדירט אין זיין פּרעסע מיט אַנאויסערגעוויינלעכע איינינקייט דעם „רעטער פון רוסלאַנד״. נישט בלויז די באַנק אָרגאַנען פון די פּאַרבינדעטע, ווי למשל „Temps, Times״ אָדער די געדונגענע אויף די געלט פון די אַמעריקאַנישע טרעסטן, נור אפילע די דייטשע אימפּעריאַליסטישע פּרעסע האָט הילכיג באַגריסט דעם נייעם העלד. די איינגלישע רעגירונג האָט איבערגעגעבן אין רשות פון קאָרנילאָוון אירע בראָנעוויקעס, קדיי צו העלפן אָפּרעכענען זיך מיטן רויטן פּעטערבורג. געווער און פינאַנסן ווערן געשיקט געגן אַרבעטער און פויערן.

דער אולטימאַטום פון דער קאָנטר-רעוואָלוציע ווערט אונטערגעשטאַרקט איינצייטיג מיטן מאַרש פון קאָרנילאָווס מיליטער אויף פּעטערבורג אויך מיט דער דראָהונג עפענען דעם פראָנט די דייטשן. די רעכטע האַנט פון קאָרנילאָוון, גענעראַל לוקאָמסקי, ערקלערט, אַז דער פראָנט וועט געעפענט ווערן, און סוועט געשלאָסן ווערן אַ סעפּאַראַטער וואַפנשטילשטאַנד, קדיי צו וואַרפן די מיליטער אויף אַ בלוט באַד אין הויפּט-שטאָדט די שטעמפּלירטע פּאַטריאָטן, די געשוואָרענע שאַמרים פון „נאַציאָנאַלן שטאָלץ״, געגרייטע פאַבעו אנאַסצעס מיט אַ שוואַרץ האָרץ און

א רויטן אונטערשלאק, אַט די גענעראַלן זייַנען געווען מוכן ומזומן אפן בידיגסטן אפן קריכן פאַרן פרייסישן באַגנעט, אבי אוועקשיקן א טייל מיליטער געגן די פּראָלעטאַריער!

א שטורעם ווינט האָט זיך דורכגעטראָגן איבערן לאַנד. דער פּראָלעטאַריאַט, וואָס איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אַף דער וואַך, וואָס האָט אומזיסט געמאַכט אויפמערקזאַם און געוואָרנט די קליינע בורזשואַזע דעמאָקראַטיע וועגן דעם טויט געפאַר, האָט זיך אויפגערודערט. די אַרבעטער פון די הויפּט-שטעדט און פון דער פּראָווינץ האָבן געווער אין די הענט. אומעטום, ווי ס'איז נור געווען די קלענסטע מעגליכקייט צו קריגן די שטאָלענע פאַרטיידיגער פון פרייהייט, האָבן די פּראָלעטאַריער זיך באַוואָפנט. פּעטערבורג האָט טייקעף ומיאד געשאַפן א רויטע גוואַרדיע. די אַרבעטער פון די קאַנאָנען-פאַבריקן האָבן מיט אמאָל אַף צוויי מאָל פאַרגרעסערט די פּראָדוקציע פון די זאַוואָדן און האָבן אָנגעהויבן ארויסגעבן קיילן-וואַרפער קאַנאָנען און באָמבעס, כדי צו פאַרטיידיגן זיך, מיצאד די קלאַסן סאָנאים. די פּראָלעטאַ-רישע פּאַרטיי באָלשעוויקעס האָט ארויסגעוואָרפן דעם לאָזונג פון קאַמף ביזן לעצטן טראָפּן בלוט, קאַמף נישט פאַר קערענסקען נור פאַר דער רעוואָלוציע. אין אָט דעם קריטישן מאָמענט האָט זיך דורכן קאַמף גוטע ארויסגערוקט אף די געפערליכע פּאָסטענס דער אַרבעטער קלאַס און זיין פּאַרטיי.

די ראַטן און די קליין-בורזשואַזע דעמאָ-קראַטיע האָבן זיך מיט טויט-שרעק א וואָרף-געטון צו די פּראָלעטאַריער. די באָלשעוויסטישע מאַטראָסן פון קראָנשטאַט, אַף וועלכע מ'האָט אָנגערעדט אַזוי פיל בילבולים, וועלכע מ'האָט אָנגערופן קאָנטר-רעוואָלוציאָנערן און סאָנים פון פרייהייט, זייַנען איצט פּראָקלאַמירט געוואָרן אַלס אידע בעסטע פּאַרטיי-דיקער און אייליג ארויסגערופן געוואָרן אין פּעטערבורג. די אַר-בעטער קעגן וועלכע מען האָט אין יולי ארויסגערופן די „זיכע-רע" קאַוואַלערישע פּאָלקן און „שלאַגערס", זייַנען ערקלערט גע-

וואָרן אַלס פּאָסטונג פון דער רעוואָלוציע, די פּאַרטיי פון פּראָלעטאַריאַט, וואָס האָט פריער געהייסן אַ געזינדל פון מאַרבע-כערס, פּראָוואָקאַטאָרן און שפּיאָנעס, איז אין מיי און צוואַנציג-שטן רעאַביליטירט און אָנערקענט געוואָרן אַלס געוואונשענער פאַרבינדעטער. די ראַשן אָנפירער פון דער קליין בורזשואַזיע האָבן זיך אַ קער געטון צום אַרבעטער-קלאַס: זיי האָבן גוט פאַרשטאַנען, אַז די קאָנטער-רעוואָלוציע האָט זיך איר לאָגיק; זיי האָבן געוואוסט, אַז די זיגרייכע קאָרנילאָווער קנופּיע וועט אַרויסקערן נישט בלויז די באָלשעוויקעס, נאָר אויך אַלע פּשורע-לייט; זיי האָבן געזען, ווי די רעאַקציע איז מוכן ומזומן פאַרטיליגן אַלץ, „די ראַטן און די קאָמיטעטן", לויט דער פאָדערונג פון מיליוקאָוו און ריאַבושינסקי. און ציטערנדיק מיט אַלע אייווערים, האָבן זיי אָנגעהויבן יאָמערלעך קוויטשען וועגן „איינקייט פון רעוואָלוציאָנערן פראָנט."

דער דראַנג פון די מ אַ ס ן איז געווען אויסערגעוויינטלעך שטאַרק. מאַמעש אַלע אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך געשטעלט אויף די פיס. אין די ראַטן, נישט קוקנדיק אויפן בשאַרעראָוו, האָט אָנגעהויבן שלאָגן אַ נייער, קעמפּאַליסטישער קוואַל פון לעבן. אומעטום — אין די הויפּט-שטעט און אין דער פאַרוואָרפענער פּראָווינץ — האָבן זיך געשאַפן רעוואָלוציאָנערע מאַכט-אָרגאַנען. אין פּעטערבורג און אין מאָסקווע האָט זיך ווידער באַוויזן אויף דער בינע דאָס באַוואָפנטע פאָלק, און אומעטום, וואו ס'איז געקומען צו רייד וועגן מאָביליזירן די קויכעס, וועגן ווירקן אויפן גאַרניזאָן, וועגן סאָראַבאָטאָרפּליבענע שלאָג-קאָלעטיון, איז די פּ אַ ר ט ײ פ ו ן פּ ר אָ ל ע ט אַ ר י אַ ט געווען די סאַמע באַוועגלעכע, די כאַמע דרייסטע, די סאַמע אַנטשלאָסענע און קאַמף-פייאיקע אָרגאַניזאַציע.

דער קאָרנילאָווער אויפשטאַנד האָט אָפּגעבליט נאָך איידער ער האָט זיך צעבליט. די מיליטערישע קויכעס, וואָס זיינען געגאַנגען אויף פּעטערבורג, אָפּגענאַרטע דורך זייערע גענעראַלן, זיי-

נען צופאלן געווארן באם ערשטן צוזאמענקומען מיט יענע מילי-
טער, וואס זיינען ארויסגעשיקט געווארן געגן זיי, נישט אזוי א
דאנק קערענסקין, וואס האט געשפילט א קאמעדיע פון קאמף,
נאר א דאנק די ראטן-ארגאניזאציעס, וואס האבן פאקטיש אי-
בערגענומען די מיליטערישע אנפירונג. און אין די שטאטישע
געגנטן, וואו די געוועזענע קאוואלערן, די „שלאגער" און
„שלאגערינס", די צעפיצערן און געבענטלען האבן אזוי פיל גע-
רעדט וועגן ליבשאפטן „טאג" און וואו זיי האבן מיט אזוי פיל
„מוט" געטראגן קארנילאווס צייכן, דעמאנסטרירנדיק זייער הייכע
פארערונג צום „געלערנטן האמער" — אט די העלדן האבן גאר
קיין מוט נישט געהאט ארויסצוטרעטן. זיי האבן אפגעשאצט די
ווערט פון זייערע פארבינדעטע—די בירגער מאסע, וועלכע איז דרייסט
נאר דאן, ווען זי איז אויסער געפאר. די שפיצע פון ק א ל ע-
ד י נ ע ן, וואס האט געזאלט אנקומען פון דארעם און אפשניידן
דעם צאפען פון ברויט, האט זיך אויסגעדריקט נאר אין דעם,
וואס אין מאסקווע זיינען אין משך פון עטליכע טעג אנשטאט
ברויט אנגעקומען וואגאנעס מיט ארבוזן און יאגדעס. דער
מעטרערישער אנפאל אויף פאלק איז דורכגעפאלן. די פארשווע-
רער האבן פאקטיש נישט אפגעשאצט זייערע קויכעס. זיי האבן
אבער אויך נישט דערשאצט די קויכעס פון דער רעוואלוציע. „די
שטאטישע נידריקע שיכטן זיינען נישט נאר נישט גענייגט געווען צו
פאלגן דעם „שמייס פון רוט", ווי דאס האבן געהאפט די באנ-
דיטן פונם קאפיטאל. אט די שיכטן האבן אפן געגעבן ארויס-
טריטונג געגנטפערס פון עכאר: „טויט אדער ניצאכן!" און מיט
אן ענטוזיאזם, אף וועלכן ס'איז מסוגל נאר א הארעפאשניק,
זיינענדיק פון באגייסטערונג, פילנדיק די גרויסע היסטארישע אופ-
גאבן זייערע אלס א יונגער און העלדישער קלאס, האבן זיי זיך
אין ווארף געטאן נאר די אוונגארד פון דעם בירגער קריג.

ב ר י ד ע ר ו נ ג — דאס איז געווען דער הויפט מעטאד ווי
צערייסן קארנילאווער מיליטער. אפילו די האלב-ווילדע טעקינ-

צעס, פון וועלכע דער בראַווער גענעראַל האָט צונויפגעשטעלט אויסגעוויילטע קאָנגרעסע, כדי צו ראַטעווען די בורזשואַזע ציוויליזאַציע, אַפילו אָט די „פּראָצים", וועלכע מ'האָט גערעכנט אויסנוצן, כדי צו רעכענען זיך מיט די גונגעס פון „סאָציאַליזם, קאָמוניזם און אַנאַרכיע", האָבן פאַרלאָרן זייער קנעכטישע טרייַשאַפט קאָרנילאָוון. דער מיליטערישער אָנגריף אויף איבערווייניקסטן פראָנט, וואָס האָט זיך צוגעגרייט אין די פייַנסטע סאַלאָנען פון די רוסלענדישע מעצענאַטן, וועגן וועלכן די בורזשואַזע פּרעסע האָט פרייליך געקלינגען אין אַלע גלעקער, אָט די אַרויסטרעטונג איז פּלוצים אייַנגעשרומפּן געוואָרן, און דער גרויזאַמער העלד איז געבליבן שטיין, ווי אַ טעמפּער אָקסן, וואָס צייכנט זיך אויס מיט וואָס איר ווילט, אָבער אַלענפאַלס ניט מיט גענייאַליטעט פון אַ זיגער.

דער קאָרנילאָווער אויפשטאַנד האָט אָפּגעשפּילט אַ ראָל פּונקט פאַרקערט, ווי ס'האָט געוואָלט די בורזשואַזע קאָמפּאַניע: ער האָט געעפנט די אויגן ניט בלויז די אָפּגעשטאַנענע אַרבעטער, נאָר אויך די פּויערן, ניט בלויז דעם טייל, נאָר אויך דעם פראָנט; ער האָט געבראַכט צו דער גרעסטער איבערגרופּירונג פון די קויכעס אומגעווייגליך שטאַרק פאַרפעסטיקט די פּאָזיציע פון דער פּאַרטיי פונעם רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט.

די פּשוטע מאַכט, וואָס האָט ברייט פונאַנדערגעעפנט די טויערן פאַרן פייערלעכן אַרייַנפאַר פון דער קאָנטר-רעוואָלוציע, האָט געקאָנט אַרויסשווימען און האַלטן זיך בלויז אויפן יסוד פון אומבאַוואוסטזיניקן צוטרוי פון די מאַסן צום קאַפּיטאַל און זייער אָרענטליכער פּאַרטייַדיגונגס פּאָליטיק. און נאָר אַף אַזוי פיל האָבן די מאַסן געקאָנט אָנערקענען די עסערן און די מענשעוויקעס אַלס זייערע אָנפירער. די סאַנטימענטאַל-נאַאיווע סימפּע-אויפרעגונג פון דער מאַרט-רעוואָלוציע, אָט די „אַלגעמיין-נאַציאָנאַלע" רעוואָלוציע,

ווען אפילו די גרעסטע שווינדלערס פון דער פינאַנץ-אָליגאַרכיע זיינען קלוימערשט געווען העכסט-צופרידן און האָבן צוגעטראָגן די שבֿי-ווייטע מיטלען צו די פּאַרטיזאַנע אויגעלאָך, דער צו- טרוי פון די אָפּגענאַרטע מאַסן צו די האַנטלענגע „פאָרשטייער פון דער רעוואָלוציע" אין פּראָקן, ווי ראָדזיאַנקאָ און לוואָוו,— אַל איז איצט צעגאַנגען, ווי רויך. דער קלאַסן-קאַמף האָט צעקלאַפּט אַלע אילוזיעס, אַראָפּגענומען אַלע שלייערס, אָן ראַכמאָנעס אַראָפּ- געריסן די מאַסקעס פון אַלע העלדן פון שעקער און באַוויזן פאַר די מאַסן זייער עמעסן שפּיוליש פּאָנים פון אַט די „זאָרגערס פאַרן פאָלק". די בורזשואזע אימפּעריאַליסטן און די סאָציאַל- פאַררעטערישע פּרעסע, וואָס האָבן פריער נאָך אַף אַזוי פיל גע- האַט צוטרוי צו זיך, אַז זיי האָט געלינגען אין די יולי-טעג צו שאַפן אַן עמעסטע באַלאַגערונגס-צושטאַנד פאַר דער פּראָלעטאַרי- שער פּאַרטיי, וואָס איז געווען געהעצט אין אַלע גאַסן, — האָבן איצט לגאַמרע פאַרלאָרן דעם צוטרוי פון די מאַסן און אַף שטענדיק.

דער אַרבעטער-קלאַס, וואָס איז שוין צו דער צייט פון דער מאָסקווער באַראַטונג אין גרעסטן ראָוו זיינעם גע- גאַנגען נאָך דער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, האָט זיך גיך אויסגענִיכטערט פון אַלע שווינדלען פון די קליין-בור- זשואזע אילוזיעס, וואָס האָבן פריערגעהערשט צווישן זיינע אָפּגע- שטאַנענע שיכטן.

די פּויערים האָבן דערזעהן אין קאָרנילאָווס אַרויס- טרעטונג אַן אָנפאַל מיצאַד די פּריצים און אַ ריעלע סאַקאַנע, זייערע טרוימען וועגן ערד וועלן ווערן צו-נישט. אויב פריער האָבן די פּויערים „געדולדיג" און האָבן אָפּגעלייגט די ערלייזונג פון דער פראַגע ביז דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג, וועגן וואָס די הערן עסערן האָבן אַזוי געזאָרגט און באַמיט זיך און וואָס האָט אַזוי שטאַרק צופרידן געשטעלט די אייגנטימער, — האָט איצטער אַפילע זייער געדולד אויך געפּלאַצט. באַלד נאָך קאָרנילאָווער

באוועגונג פון פריצים האט זיך אנגעהויבן א שטארקסטע באוועגונג פון פויערים, וואס ערטערווייז איז עס פארוואנדלט געווארן
אין א פאקטישן פויערים אויפשטאנד. די קאפיטאליסטישע פרעסע האט מיט שרעק דאס אנגעמערקט, ארייבשטעלנדיק די
אגראריע „אומרוהען" אין רובריק „אנארכיע" און „פאגראמען". אין ע־
מעסן איז די אגראר־באוועגונג געווען א באווייז, אז דער פאוואסטין
פון די פויערים איז געוואקסן און אז די פויערים באפרייען
זיך שוין נישט מיט אייביקע האוואקעס. די „אייגנארטיקע פארבאפונגען" וואס זיינען אויף פאר האסט געווען בא דער בורזשואזיע,
זיינען געווארן א געוויינלעכע ערשיינונג. די ערד איז שנעל
ארויסגעשוואומען פון אונטער די הענט פון די פריצים און האט
אנגעהויבן פעסט פארהאלטן זיך בא די פויערים אין די הענט.

די א ר מ יי, וואס האט א מאל בלינד געגלויבט קערענסקן
און איז ארייגעצויגן געווארן אינם שענדלעכן יוני אנגריף, איז
איצטער, נאך די שמיין פון דער טאליאנים-רוט, געווען איבערפולט מיט האס צו די קאמאנדירן און צו די אפיצערן. דער באשטאנד פון קאמאנדירן, וואס איז דורך און דורך געווען קארנילאווידיק, וואס האט איינגעפירט טויט-שטראף, וואס האט געמאכט
גילגולים אף די סאלדאטן און געהעצט געגן זיי, וואס האט
צוריקגעפט די סאלדאטן אף יעדער שריט און טריט, וואס האט
די טויערדיקע „קאשערע בהיימעלע" איצט אנגערופן פאראכטעטער
האמוין — אט דער באשטאנד פון קאמאנדירן האט אף זיך דערפילט דער דורכדרינגענדן און האסנדן קוק פון דער מילמיליאנעדיקער ארמיי. דער קלאסן-קאמף, וואס האט ערשיטערט די
גאנצע געזעלשאפט, האט זיך איבערגעטראגן מיט א אומגעוויינלעכן
קראפט אויך אפן פראנט, די ארמיי האט איינמאל פאר אלע מאל
ארפגעווארפן פון זיך דעם יאך פון די אימפעריאליסן.

און ענדלעך, די קארנילאווער עפאפייע האט שרעקלעך
פארשארפט די נ א צ י א נ א ל ע פראגע. די קארנילאווטשינע
איז געווען א פארצווייפלטער פרואוו פונם רוסלענדישן גרויס-

מלוכישן אימפּעריאַליזם. אונטערן פאַלשן לאָזונג „אייניק און אונטייל-באַר רוסלאַנד", וואָס איז אַ אויסגעשטעלט געוואָרן דורך די פּאַטריאָטישע גענעראַלן און גענעראַלישע פּאַטריאָטן פונם „האַנדלס-אינדוסטריעלן קלאַס", האָט זיך פאַרבאַהאַלטן די געוויינלעכע וואָרג פּאָליטיק פון די אימפּעריאַליסטישע פּאָגראָמשטשיקעס, אָט די זעלביקע פּאָליטיק, פון וועלכער זיי האָבן געשעמט נאָכאַנאָך אין די צייטן פונם צאַריזם זיכדויגע ליווראַכע, און אויב די גענעראַלן מיט און אָן נאַהייקעס האָבן אַרויסגעשטעלט אַ לאָזונג „אייניק און אונטיילבאַר", האָט דאָס געמיינט, אַז די אַלע גערופענע „אינאָראָדצעס" האָבן געדאַרפט שרייען קאַראַול. דערפאַר האָט די קאָרנילאָווער „אוואַנטיור" אין איר דורכפאַל אַרויסגערופן אַ שטאַרקן וווּקס פון נאַציאָנאַל-דעמאָקראַטישע שטרעבונגען און האָט צעשמעטערט דעם רוסישן אימפּעריאַליזם.

דער פּאָליטישער וווּקס פונם קלאַסן-באַוווּסטזיין פון די ברייטע פאָלקס-מאַסן האָט זיך אויסגעדריקט אינם פולשטענדיקן ברעך פון די פּשאָרע פּאַרטייען.

די מענשעוויקעס, וואָס האָבן זיך איבערהויפּט אָנגעשפּאַרט אויף די אָפּגעשטאַנענע שיכטן פון אַרבעטער-קלאַס, וואָס זיינען געווען אָנגעשטעקט מיט קליין-בירגערלעכע פאָראורטיילן, האָפענונגען און גלויבן, זיינען קימאַט פאַרשוואונדן געוואָרן פון דער פּאָליטישער אַרענע, אַלס פּאַרטיי; ווייל דער כורבן פון אילוזיעס איז פאָרגעקומען מיט אַ באַזונדער שטאַרקן טעמפּ דאַווקע באַם פּראָלעטאַריאַט; אָט די אילוזיעס האָבן זיך אויסגעוועבט מיט אַ קאַטאַסטראָפישער שנעלקייט.

די עסערן האָבן אָנגעהויבן איבערלעבן אַ פּעריאָד פון אינעווייניקסטער צעפאַלונג. אַלץ שאַרפער צוטיילן זיך אויף אידעאָלאָגן פונם פעסטן גרושיקן דעם קולאַק און אויף אידעאָלאָגן פונם אַ ימען פּויער; אָט דער פּראָצעס האָט געמוזט זיין אויסדריק באַ די עסערן אין דעם אָפּטיילן זיך פון דעם לינקן פליגל,

וואָס האָט זיך געשטאַרקט פון טאָג צו טאָג. און, ענדליך, ווי אַ קויל שניי האָט אָנגעהויבן וואַקסן די פּאַרטיי פונם פּראָלעטאַריאַט. דאָס לאַנד איז אַלץ מער צעפאַלן געוואָרן אויף צוויי פייַנטליכע לאַגערן: איינער — וואָס אין זיין שפּיץ איז געשטאַנען דער רעוואָלוציאָנערער פּראָלעטאַריאַט און זיין פּאַרטיי — אָט דער לאַגער איז געוואָרן דער לאַגער פון אַלע האָראָפּאַשנע, אַ „פאָלקס-לאַגער"; און דער אַנדערער — ער האָט פאַראייניקט אַלע רעאַקציעס פון די הערשנדע קלאַסן, אָנהייבנדיק פון דער געוועזענער הויף-פּריוויליגע און ענדיגנדיק מיט די מעל-הענדלער און די דאָרפישע וואָכערניקעס; אין שפּיץ פון אָט דעם לאַגער איז געשטאַנען דער פינאַנץ קאַפּיטאַל און די פּאַרטיי פון פּאָראַט קעגן פאָלק.

די געשעענישן האָבן אויפגעשטעלט פאַר דער בורזשואַזער קאַמאַריליע אַ דירעקטע אויפגאַבע פון בירגער-קריג. דער פאַרשוואונדענער צוטרוי פון די מאַסן צום קאַפּיטאַל, די מאָל-שטענדיקע צעפאַלונג פון די פּשאָרע פּאַרטייען, דער איבערהאַפּט שנעלער וואוקס פון דער פּאַרטיי פונם פּראָלעטאַריאַט, — אָט דאָס אַלץ האָט געצוואונגען די בורזשואַזיע צו אָריענטירן זיך אויפן בירגער-קריג. צו פאַרוואַלטן דורך שרעקער, כניפע און פּשאָרעס; פאַרוואַלטן מיט דער פאַרמיטלונג פון „סאָציאַליסטישע" בויגזים; פאַרשטעלן זיך פאַר דעמאָקראַטן, אויסשטרעקנדיק אַ מעסער פון טויט-שטראָף — האָט מען שוין ניט געקאָנט. איז געבליבן נאָר איינס; נייע פּרואוון פון אַ באַוואָפנטער קאָנטר-רעוואָלוציע.

אָבער איידער ס'האָט צוגעפירט צום ענטגילטיקן שלאַכט האָט די היסטאָריע געצוואונגען ווידער אַמאָל דורכגיין אונטער אַ טעאַטראַלע אַרענע פון אַן אַלרוסלענדער קאָמעדיע: דער נאָמען פון דער קאָמעדיע איז — „דעמאָקראַטישע באַראַטונג".

די „ליקווידירונג" פון דער ״אָרגאַניזאַציע״ — די דעמאָקראַטישע באַוועגונג.

דער דראַנג פון די ברייטע שיכטן האָט אָפּגעשוואַכט אָט די וואַרג-שטריק, וואָס לאָזט קאָנטראָל. וועלכער האָט געקריגן אַן אוניאָנס-אָנערקענונג פון דער בורזשואַזיע, האָט שוין גע-אַט איינגעפירט פאַרן פאָלק. צי האָט זי געוואָלט די באַנאַפּאַרטישע רעגירונג, צי זי האָט נישט געוואָלט — דער פאַקט איז געבליבן אַ פאַקט. ס'איז נאָר געבליבן אויף אָדער אַנדערש מיט איר צו רעכענען זיך.

פון דער גאַנצער פּאָליטיק קערענסקיס איז אַרויסגעוואַקסן זיין דירעקטיווע: צו פירן ווייטער אַ ליניע פון פּיקסירן „קאַמף מיט דער קאָנטר-רעוואָלוציע" און רעכטס קעמפן לינקס. אַט דאָס איז טאַקע געווען דער מיהוש פון דעם (פּאָליטישן) טאַרס, וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט די „ליקווידירונג" פון ״אָרגאַניזאַ-ציע.

די „מאַכט" אַליין האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט בעסער אַ טראַגיקאָמישע זאַך. ס'איז פאָרגעקומען איין קריזיס נאָך דעם אַנדערן. אַזוי איז אַלגעמיינע ויטעגסאָרד רעגירונג אין די יונגע קריגן דאָס דאָרט געווישט אַ בונט באַנאַפּאַרטישע שווינדלערס, וואָס איז געווען צוזאַמענגעשטעלט פון פאַרשיידענע עלעמענטן, וועלכע פּרעטענדירן אויף ערשטע ראָלן: סאָווינקאָוו, געוועזענער קעמפער און טעראָריסט, שפּעטער דער קאָמיסאַר פון אַ ווילנער פּאָליצײַ קעגן מיר און נאָך שפּעטער דער אַרטאַר פון טויט-שטראָף; פּילאַצעקאַ, אַ מענטש, וועלכער, ווי ער האָט זיך אַליין מודה געווען, „האָט ניט געשפּילט מיט די אויגן און „די שפּיל האָט אים ניט געלייגט". צושאָט טויט-אור-טיילן פאַר די סאָלדאַטן, די „קאָמיסאַרן", וואָס האָט איבערגעגעבן דאַלמען קאָנטראָל פּאָליציי מיט אַ היפּשע פּאַרטיע אייגענע פּאַרטייען-פאַלאָגישע ווערטער: קערענסקי אַליין און אַ גאַנצע

קאמפאניע ענליכע אף קאדעטן און קאדעטישע „געהילפן", וועלכע זיינען געשטאנען באם שטורעם און האבן פאטעלט „בעלעבאטים". ענדלעך, האט זיך ארויסגעדריקט פון דער קריטיקער שריפט פון קעגנזייטיקע אפנארישן, און געשעפטלעכע אונטערן פארהאנגל א פארדעכטיקטע אין אלע הינזיכטן ר ו ס ל ע נ ד י ש ע ד י ר ע ק ט א ר י ע, וואס אירע אונטערפירער זיינען געווען פון איין זייט צערעטעלי-גאץ, פון דער אנדערער זייט די העלדן פון דער קאדעטישער פארטיי, וואס האבן בעסער געוואלט בלייבן אונטער די קוליסן. „דער ראט פון פינף" האט נישט געהאט קיין גלענצענדע בזמנען: אין שפיץ איז, פארשטייט זיך, געשטאנען קערענסקי, וועלכער האט געוואלט פיר מענטשן „לויט זיין פארם און געשטאלט": טערעשטשענקא, ווערכאווסקי, ווערדערעווסקי און ניקיטין, אגאר האבן ווערכאווסקי און ווערדערעווסקי באקומען בלויז א „שפאנישע ראלע".

אט אזוי האט זיך צוזאמענגעשטעלט די דירעקטאריע, וואס האט, מעשטמעלס, געזאלט דינען אלס א בערגאנגס-בריקל צום קאנסולאט. דער פרודאווניק בולא האט אפנהערציג און אן-באמעס אנגעוויזן אויף די פליגנקע העגט פון קערענסקי: „אין דער צייט וואס מיר זיצן דא און בקירען, איז די מאכט געשאפן געווארן אן אונז... ווער ווייסט, ס'קען זיין, אז אונז וועט שוין דא (אין צ. ק., ג. בונא־ין) גיט אויסקומען צונויפקלייבן זיך. בא אונז איז איינגעפירט קריגס-לאגע. מ'וועט קומען צו אונז, מ'וועט זיך סימער זיין אויף אונז און אונז פארארעסטירן און מ'וועט אונז צעטרייבן"...

טאקעלאל, די מאכט האט זיך קאנסטרואירט פאשעט. די איז געווען ארויסגעווירל דורך קערענסקין, באשטעטיקט געווארן דורך קערענסקין, געווארן פארענטווארטלעך פאר קערענסקין. קערענסקי — דאס איז דער איינציקער מאקער פון אומצאהיינגיקער מאכט, קערענסקי — די איינציקע קוועל פון בראכע, וואס האט געפליסט נאך פון דער רעגירונג פונם ערשטן בא-

שטאַב. — די אַלגעמיינע אָנערקענטע קאַפּ פון דער „רומלער״ דישער מלוכה, אָט אַזוי האָט זיך לכאָל האַמאָכעס, געדרוקט. און אַזוי איז געווען פאַקטיש. אָבער דאָס איז שוין געווען, אין עצם די לעצטע אָנשטרענגונגען פון דער קנופּיע בויגדם פון דער דעמאָקראַטיע, די קנופּיע, וואָס איז אַלץ מער און מער געבליבן הענגען אין לופטן באַרדעם ווי זי האָט אָנגעוואָרן די שטיצע פון לינקס און שנעל אָנווערנדיק די שטיצע רעכטס, נישט קוקנדיק אויף אַלע באַמיִונגען די שטיצע צו פאַרהאַלטן.

די שטעלונג פון דער דירעקטאָריע האָט אין עצם געהייסן אַ בלוטלאָזער ניצאָכן פונם גענעראַל קאָר־נילאָוו דאָס איז געווען אַ לעגאַלעס קינד פון אַ אומלעגאַלן אָפּמאַך צווישן העלד פון באַהייקע און צווישן אוואַנטיוריסט פון צונג. דער פּלאַן פון קאָרנילאָוון איז טאַקע באַשטאַנען אין שאַפן אַ דירעקטאָריע. דאָן וואָלט אין שפּיץ פון דירעקטאָריע געשטאַ־נען קאָרנילאָוו. אָבער אין עצם, אַ מאַכט וואָס איז פּערסאָני־פיצירט אין איינעם דיקטאַטאָר און וואָס איז נישט אָפּהענגיק פון קיינעם, אויסער איין אָבער־דיקטאַטאָר, — אַזאַ מאַכט איז גע־ווען אַ פולשטענדיקער ניצאָכן פון די גענעראַלישע פּרינ־ציפּן.

די פאָרם איז געווען אינגאַנצן צוגעפּאַסט צום אינ־האַלט. די „ליקווידירונג״ פונם קאָרנילאָווער אויפשטאַנד האָט אָנגענומען אַ כאַראַקטער פון אַן אייגנפּאַכן כויזעק איבער די מאַסן. לכאַטשילע איז קאָרנילאָוו, וואָס איז פייערלעך ערקלערט געוואָרן אַלס בויגער, פאַקטיש איבערגעלאָזט געוואָרן אַלס הויפּט־קאָמאַנדיר, ביז עמיצער וועט אים פאַרבייטן, דערנאָך האָט קערענ־סקי זיך זעלבסט געמאַכט פאַרן הויפּט־קאָמאַנדיר, באַשטימענדיק פאַר קאָמאַנדיר פון שטאַב, ד. ה. זיין פאַרן פאַקטישן הויפּט־קאָמאַנדיר — דעם גענעראַל אַלעקסייעוו, דעם צאַרישן טאַליען, באַהעבסטן פריינד פון גענעראַל קאָרנילאָוו, דירעקטער אנטייל־נעמער אין קאָרנילאָווער פאַרשווערונג און פאַרמיטלער צווישן

קאָרנילאָוון, ריאַבושינסקין און מיליוקאָוון; אַלעקסייעוו, וואָס האָט אין אָנהויב רעוואָלוציע געדראָהט שיסן „די רעוואָלוציאָנערע באַנדעס, וואָס פֿאָרן פֿון פּעטערבורג“ אַלעקסייעוו, וועמען קערענסקי האָט אַליין אין די ערשטע כאָדאָשים פֿון דער רעוואָלוציע געמוזט אַרויסטרייבן אונטערן דראַנג פֿון אַלגעמיינעם קאַאָס און אויפֿגעבראַכטקייט! אַלעקסייעוו, וואָס האָט אויף דער „קליינער באַראַטונג“ פֿון די מאָסקווער טער אַרויסגעזאָגט „גאָלדענע ווערטער“, וועלכע ער האָט איבערגעכאַזערט אויף דער „מלוכע באַראַטונג“ און וואָס זייַנען אָפּגעדרוקט געוואָרן דורך ריאַבאַשינסקין לויט דער רעקאָמאַנדאַציע פֿון מיליוקאָוון! און אָט־אָ־דער סוביעקט איז געווען באַשטימט אויסצורייניקן די אַרמיי פֿון קאָנטר־רעוואָלוציע. נאָך מער. אים, טאַקע, דעם אַנטיילנעמער פֿון פֿאַרשווערונג, האָט מען איבערגעגעבן אויסצופֿאָרשן דעם איניען פֿון פֿאַרשווערונג. קערענסקי, אַליין פֿאַרכליבעט אין קויט, גיט איבער זיין מיטהעלפֿער אויסצופֿאָרשן דעם איניען פֿון זייער הויפּט־קאָמפּאַניאָן!

דער הויפּט־קאָמאַנדיר, וואָס איז ערקלערט געוואָרן אַלס בויגעד, איז אויף אַזאַ אויפֿן אַנשטאָט עשאַפֿאָט אַנגעקומען אין אַ ערשט־קלאַסיקן האָטעל און האָט נאָך באַקומען אַלס „שמירע“ איבערגעגעבענע מיליטער. דעם קאָדעט פּאַלטשינסקי גיט מען איבער דעם אויפֿזיכט איבער פּעטערבורג. רעאַקציאָנערע גענעראַלן, וואָס האָבן נאָר איבער באַלאָמאוטשיגע ניט באַוויזן (אָדער איבער פֿאַכדאַנעס ניט געוואָלט) אָפֿן איבערגיין אַף קאָרנילאָווס צאַד, בלייבן איבער אַף זייערע ערטער, באַקומען העכערע פּאָסטנס. די רעוואָלוציאָנערע קאָמיטעטן, וואָס האָבן זיך אַרויסגעדרוקט אין די קאָרנילאָווס־טעג און וואָס האָבן אָנגעפֿירט מיטן קאַמף קעגן קאָרנילאָוון, ווערן ערקלערט אויסער געזעץ; זיי, וואָס האָבן געראַטעוועט די רעוואָלוציע און די רעפּובליק, ווערן פּראָקלאַמירט אַלס „סאָנים פֿון דער רעפּובליק“!

„אייגנמעכטיקע מייסים“ — שטייט אין באַפֿעל פֿונם 4־טן

סעפּטעמבער — קאָן ווייטער ניט דערלאָזט ווערן, און די „צייט-
ווייליקע רעגירונג" וועט מיט זיי קעמפן, ווי מיט העפקער-נייסים,
וואָס זייַנען שעדלעך דער רעפּובליק." און דאָס איז אין דער
זעלבער צייט, ווען דער „קאַמף" מיט קאָרנילאָוו, (מאַט מאַעס,
ניט קיין „איינגעמעכטיקע מייסים") ווערט איבערגעגעבן אין קנו-
פּיע פון קאָרנילאָווער שווינדלער. אין דער זעלבער צייט, ווען
מ'פירט אָפיציעלע אונטערהאַנדלונגען מיט די אָנפירער פון דער
קאַדעטישער פּאַרטיי, וואָס איז געווען פאַרמישט אין פאַרשווע-
רונג, מיקויאַן אַרייַנגייען אין קאַבינעט! אין דער זעלבער צייט,
ווען מ אַ ק ל אַ ק אָ וו ווערט באַשטימט אַלס געזאַנדטער אין
אויסלאַנדן.

אָבער פאַר די מאַסן האָט מען פאָרט געדאַרפט האָבן עפּיס
אַ „פאַרבלענדעניש". אַזאַ פאַרבלענדעניש האָט מען געפונען אָנ-
פאַלנדיק אויף די גוואַרדייצעס אין שפּיץ מיט דער געוועזענער ווייַ-
לינע. פאַרדעקן די פאַרשווערונג בכלל, האָט מען נישט גע-
קאָנט. זאָל זשע מאַרגאַרישאַ כיטראָווא אָפּקומען פאַר אַלקן! אָט
דאָס איז געווען דער פּלאַן פון דער פּייַנער קאַמפּאַניע, וואָס האָט
געקענט אויסגעבן אַ גרופּע פון קיימאָס אירע כאַווייירים, קדיי
אַרויסגיין אַליין מער אָדער ווייניק טרוקן פון וואַסער. ס'איז זיך
אָנגעהויבן אַ בייזעקדיקע „צערעכענען זיך מיט די פאַרשווערער"
מ'האָט אַ ווייניק געמאַן דעם „צוויקעפּיקן אָדלער" אין קיעוו,
די געזעלשאַפט „דער רוסישער וויז", מ'האָט אַרעסטירט (דויי
נאָך דעם גאָלר באַפרייען) אַ פּאָר געוועזענע גרויסע פּירסאָן, אַ :ער
מ'האָט פּאַרזיכטיק איבערגעלאָזט די נשאָמע פון דער עמעסער
נישט אָפּערעטישער פאַרשווערונג: מיליוקאָוו און גוטשקאָוו, ראָד-
זיאַנקאָ און ריאַבושינסקי, פּוטילאָוו און ווישנעגראַדסקי, קאַני-
לאָוו און קאַלעדין, דער צענטראַלער קאָמיטעט פון דער פאַרייַ
פון פאָלקס פּעראַט אין די „קליינע באַראַטונג" פון טוערס-פאַר-
שווערער, — אַ קיצער, אַלע די, וואָס האָבן צוזאַמען מיט קער-

סקין אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן פון אַ „קאָלעקטיווער דיקטאַטור" פון בלוט און אײַזן.

די קאַפּיטאַליסטישע צייטונגען, וואָס האָבן אין די טעג פון ערעוו „גרויסן" אָנקומען פון קאָרנילאָוו גלוסטווערשטיק געקריצט מיט די ציין און פאַרביסן דעם צונג אין די טעג פון זיין מאַפּאַלע, האָבן ווידער אויפגעהויבן די קאָפּ און האָבן ווידער אָנגעהויבן אָן אָנגריף. די אָפיציעלע פּערזאָנען פון פּראָקוראַטור האָבן מיט דער זעלבער כוצפּע אָפּגעריניקט קאָרנילאָוון, מיט וועלכער זיי האָבן פריער באַוואָרפן מיט קויט די פּאַרטיי פונעם פּראָלעטאַריאַט. און צוזאַמען מיטן שוואַרצמייאידיקן פּראָקוראָר אַלעקסאַנדראָוו האָט דער „דעמאָקראַט" סטאַל, אָנווייזנדיק אַף די באָלשעוויקעס, ערקלערט: „איך רעכן, אַז פאַרשווערונג פון רעכטס און פון לינקס איז אַלץ איינס פאַרברעכעריש פאַרן לאַנד", און די לאַקייאישע יוריסטן-צייטונגס-שרייבער האָבן געגעבן צו פאַרשטיין, אַז קיין פאַרברעכן מיצאַר קאָרנילאָוון „געגן דער עקזיסטירנדער אָרדנונג" איז גישט פאַרגעקומען שוין איבער דער פּאַשוטער סיבע, ווייל איצט איז אין רוסלאַנד ניטאָ קיין שום אָרדנונג. 1) די אַזוי גערופענע קוואַליפיצירטע אינטעליגענץ-היסטאָריקער, אַרוואָקאַטן, פּאָעטן, געלערנטע און דיפּלאָמאַטן — האָבן זיך ווידער אַוועק געטאָן אין אַטאַקע קעגן די אַרבעטער; פּראָפעסאָר וויפּער, קוים אַ מאַרקסיסט, פאַרגעסנדיק זיינע איבערזיכטן איבער דער טעאָריע פון היסטאָרישער קענטעניס, האָט דערציילט אין אָרגאַן פון ריאַבושינסקי, אַז די גאַנצע רוסישע רעוואָלוציע איז אַ פּראָדוקט פונעם שלעכטן ווילן פון דעם דייטשן גענעראַלשטאַב, און זיין קאָלעגע אין צייטונג, באַלמאַנט, וואָס האָט אַמאָל באַזונגען דעם אַרבעטער אויפשטאַנד, האָט אָנגעהויבן צונויפשטעלן באַגייסטערטע אָדעס קאָרנילאָוון, קנעכטיש אָנרופ-

1) רוסק. סלאָווע 29—יוני—17 יאַר.

דיק די טומפּ-אַזיאַטישע פיזיאָגנאָמיע זיינע, „שטאָלצער שוואַן" פון דער רוסלענדישער ציוויליזאַציע.

אָבער די הערן קאַפּיטאַליסטן זיינען געווען אויסעראָרדענטליך ניט צופרידן אויך מיטן אויפפירונג פון קערענסקין, באַ וועמען זיי האָבן געפאָדערט ענטשלאָסענהייט אָדער ער זאָל גיין אין זיימסיע לטוויוגס קאָרנילאָוון. דאָס לעצטע איז געווען דער פּלאַן, וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן דורך די פאַרשווערער. ווייל קערענסקי האָט דאָך אין סאמע קריטישן מאָמענט ניט געשטיצט קאָרנילאָוון מיט א קויל פון געווער, נור געשפּילט מיט אים א קאָמעדיע פון קאַמף. אט אַזאַ ראָל איז שוין קלאָל ניט געווען אין גייסט פון די רעאַלע פראַווען פון די טעק-סטיילע און מעטאַלורגישע מלאָכים. און זיי האָבן אָנגעהויבן א ענערגישע קאַמפּאַניע, וואָס האָט ענדעקט די גאַנצע צווייידייטענ-דיקע שפּיל פון דעם פאַרהאַסטן באַ דער דעמאָקראַטיע „דעמאָ-קראַט" קערענסקי. די קאַמפּאַניע האָט אָנגעהויבן דער אָרגאַן פון ריאַבושינסקין „אוטרא ראָסיא". מיט דאָקומענטן איז באַוויזן געוואָרן דער אָנטייל פון קערענסקין סיי אין צוגרייטן דעם פּלאַן פון א מיליטערישער דיקטאַטור, סיי אין ווילן צוקוועטשן פּע-טערבורג און קראָנשטאַט, אין אויספירן דעם דריטן מיליטערישן קאָרפּוס און אין דער פּראָוואָקאַציע פון א „באָלשעוויסטישער פאַרשווערונג" און אין די האַגאָנעס צוטרייבן די ראַטן; ס'איז אַרויסגעשוואומען א גאַנצע מייגע אינטריגעס, אָפּנאַרערישן און קעגנזייטיקט פּעראַסן, יעדער נייער טאָג האָט געבראַכט ידיעות איינע סענסאַציאָנעלער פון די אַנדערע. אַלעמען איז געווען קלאָר, אַז האַנט בא האַנט מיט דער קאָרנילאָווטשינע האָט עקזיסטירט א קערענשטשינע, וואָס האָט זיך אָפּגעשיידט פון דער ערשטער בלויז מיט א גרעסערער צווייפּנימדיקייט און פּאַכויאַנעס. „דו ווילסט זיך אַרויסדרייען? אָבער דו ביסט אונזע-רער, דו האָסט שוין פאַרקויפט דיין נשמה און געקומען א היפּשן אַוואַנס!" — האָט געזאָגט דער בורזשואַזער שעד, דעם

מיניסטעריאבעלן פאַן טוואַרדאָווסקי, וואָס האָט שוין דאַן געהאַט קימאַט אַ מיליאָנענדיקן לויפענדן חשבון.

וויפעל קערענסקעס דירעקטאָריע האָט זיך נישט באַמיט צו פאָדערן אירע כאַטשאָאים געגן דער בורזשואַזיע, די לעצטע, ראַטעווענדיג קאָרנילאָוון, איז זיך געגאַנגען דירעקט איר וועג. עמעס, קערענסקי האָט פּראָקלאַמירט אַ רעפּובליק, קדיי צו באַווייזן, אַז אין רוסלאַנד איז „פאַראַן אָנ'אָרדנונג". אָבער ער האָט פאַרמאַכט אין פעטערבורג דעם „אַרבעטער" און דאָס „נייע לעבן"; מיט אנ'אויסרייד פון קלעמערשען קאַמף מיט דער אַנאַרכיע האָט ער פלינק צוגעגרייט שטראָף-עקספּעדיציעס געגן דעם טאַשקענטער ראַט און האָט געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט די מאָסקווער טוזן: קאָנאָוואַלאָוו, בורישקין, טשעטוועריקאָוו, טרעטיאַקאָוו און סמירנאָוו, ד. ה. די סוילעס פון מאָסקווער „קליינער באַראַטונג". ער האָט געפּרואווט צולאָזן דעם צענטראָפלאָט. ער האָט באַשטימט אין מיליטער ראַט דעם קאָרנילאָווער קלעמבאָווסקי. און דאָך האָט די בורזשואַזיע נים מייכל געווען איר משאָרעס: זי האָט נ'אַדאַרפט אנ'אַנדערן.

אין דער צייט וואָס פון אויבן איז פאָרגעקומען די שפּיל אין מיניסטעריאומס, וואָס איז געווען אזוי כאַראַקטעריסטיש פאַרן צאַרישן רעזשים, וועלכער האָט געמיינט מיט דער הילף פון פערסאָנעלע באַשטימונגען פאַרלאַטען די גוואַלדיגע לאָך פון זיין קלאַסן מהוס, — איז פון אונטען פאָרגעקומען אַ גיכער פּראָצעס פון „לינקער ווערן". אָט דער פּראָצעס האָט געפונען זיין אויסדריק אין דער אומגעביטענער פּאָזיציע פון די הויפּט ראַטן. די מענשעוויסטישע-עסערישע אָנפירער האָבן זיך געפּרואווט מיט אַ סיסטעם פון ביוראָקראַטישע מכיצעס פערפעסטיקן זייער איינפלוס און זיך באַוואָרענען פון יעטווידער „אַטענטאַט" מיצאַד די מאַסן. אָבער וואָס שנעלער דאָס „לאַנד" איז געוואָרן לינקער. אַלץ אין אַ גרעסערע מאָס זיינען די ראַטן ווידער געוואָרן די אָרגאַנען פונם קלאַסן-קאַמף פון די פּראָלעטאַריער און סאָלדאַטן

געגן דער אימפּעריאַליסטישער מלוכע מאַכט, אַלץ גיכער האָבן זיי פון זיך אַראָפּגעטרייסלט די בקאָוועדיקע פונקציע פון פּאַשעטע דעפּאַרטאַמענטן ביי דער דער דאָזיגער מאַכט. דאָס איבעררייסע־לען פון איינציגע זייערע מיטגלידער, דאָס לינקער ווערן פון אַנ־דערע האָט געבראַכט דערצו, אַז דער פּעטערבורגער ראַט איז איבערגעגאַנגען צו די באָלשעוויקעס. דער פּרעזידיום פון אויס־פיר קאָמיטעט מיט טשכעאידזע—דאַנען צראַש האָט געמוזט אָפּ־געבן אין דימיסיע. און נאָך פּעטערבורג האָט דער מאָסקווער ראַט פון אַרבעטער דעפּוטאַט־ געגעבן דעם ראַוו דער פּאַרטיי פונם רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט. אומזיסט האָט דער צענט־ראַלער אויספיר קאָמיטעט אַרויסגעטראָגן רעזאָלוציעס פון צוטרוי די מיניך באַנאַפּאַרטן. ס'איז געווען קלאָר, אַז די אָנפירנדע ראַ־ שווימט אַרויס פון אונטער די הענט פון אָט דעם מעט און גייט איבער צו די רעוואָלוציאָנערע ראַטן פון ביידע הויפּט שטעט.

די קליין־בירגערליכע אָנפירער האָבן אַלץ מער אָנגעוואָרן אַפילע זייער אייגענע באַזע. אויב פריער האָבן זיי גאַנץ געלונ־גען אויסגעדריקט די האַלבקייט פון דער קליין־בורזשואַזיע—די פּויערן, די שטאָטישע אָרימע לייט, די אָפּגעשטאַנענע שיכטן פונם אַרבעטער קלאַס—האָבן זיי איצטער גאַנץ שאַרף אָפּגעקערעוועט צו רעכטס: די מאַסע פון דער קליין־בורזשואַזיע האָט באַוויזן אַ שטאַרקע נטיע צום פּראָלעטאַריאַט; אירע אָנפי־רער האָבן באַוויזן אַ גרויסע נטיע צום גרויסן קאַפּיטאַל. דער ביוראָקראַטיזירטער שפּיץ פונם צ"ק, וואָס האָט שוין אונטערן דרוק פון די מאַסן געהאַט אַ ביסעל אָפּגעקילט זיין רעאַקציאָנע־רע היץ און זיין קנעכטישע פליסיגקייט, האָט זיך איצטער ווי־דער צוגעטאָן מיט אַלע קרעפטן צום בלאָק מיט דער צענז־בורזשואַזיע. און מירע האָבנדיג אָפן באַוויזן זיין אַכטונג צו די קאַדעטן, וואָס האָבן זיך לגמרי קאָמפּראָמעטירט מיט דער קאָרנילאָווטשינע, האָט ער זיי געשלעפּט אין רעגירונג, אַלס

„זאַכליכע קאַנדידאַטורן“, — אַ מאַסקע, וואָס טראָגן שטענדיק פּאַליטישע פּאַקוסניקעס און פּראָפעסיאָנעלע שווינדלערס. בײַ אַזעלכע באַדינגונגען, מוירע האָבנדיק פֿאַר דער וואַקסנדיקער באַלשעוויסטישער איבערקערעניש, האָבן די דאָזיקע לײַט פֿון וועלכע אַ העלפט האָט זיך שוין צונויפגעזונגען מיט די צענזאָוויקעס און זײַנען אַלײן געוואָרן „באַנאַפּאַרטלאַך“, געמוזט זוכן נאָר אַ נײַעם סאָציאַלן אָנשפּאַרונגס-פּונקט. און פֿון דער אַנדערער זײַט האָבן זיי געמוזט איבערזען, וואָס דער באָלשעוויזם איז געוואַקסן ניט בלויז אין לאַנד, נאָר אויך אין די ראַטן-אָרגאַניזאַציעס, געגנשטעלן די ראַטן עפּיס אַנ'אַנדערן — „אויך אַ דעמאָקראַטישן“ — און דערצו נאָך אַנ'אַלגעמיין רוסלענדישן קויאַן. צוריק אָפּשטופּן די ראַטן סאַנקציאָנירן די קאָאַליציע. שאַפֿן אַנ'אָרגאַניזאַציע פֿון שטאַרקער מיטעלער בורזשואַזיע, כּדי מיט איר הילף זאָל די פֿינאַנץ-אָליגאַרכיע קאָנען פּאַרוואַלטן, ניט דערלאָזן דעם אָנגריף פֿון די באָלשעוויקעס, אַוועק שטעלן אַ פֿײַנעם „דעמאָקראַטישן“ באַריער קעגן דער רעוואָלוציאָנערער „אַנאַרכיע“, — אָט דאָס איז געווען דער פּלאַן פֿון די ליבערס-דאַנס, וואָס די נעמען זייערע זײַנען שוין געוואָרן נאָמינאַל פֿאַר פּעריזאַנען פֿון סאָציאַל פֿאַרעטערישן טיפּ.

פֿון אַזעלכע היצטאַרבוסן איז אַרויסגעוואַקסן דער פּלאַן פֿון אַ „דעמאָקראַטישער באַראַטונג“. די ציל, וואָס איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן דורך די אָנפֿירער פֿון ציק, איז באַשטאַנען דערין, מ'זאָל שאַפֿן אַ געקינסטעלטע דעמאָקראַטיע. ס'איז קײן כידעש ניט, וואָס אָט די ציל האָט געקאָנט רעאַליזירט ווערן בלויז מיטן הילף פֿון אַ פֿעלשונג. אויב די מאָסקווער „מלוכע“-באַראַטונג האָט געמוזט פֿאַלסיפֿיצירן די שטימע פֿון דער „נאַציע“, אונטערשטעלנדיק אַנשטאָט די נאַציע טשאַליאַנים מיט און אָן עפּאַלעטן, האָט די דעמאָקראַטישע באַראַטונג געמוזט פֿאַלסיפֿיצירן די שטימע פֿון דער דעמאָקראַטיע, אונטערשטעלנדיק אַנשטאָט

פויערן, סאָלדאַטן און אַרבעטער דעם פּאַרמעגליכן „סטרעדניאַק“ און דעם קאָרניילאָווער אינטעליגענט.

פאַר די ראָטן, אַז דעם איינציקן פאָרשטייער פון דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע, האָט מען אָפּגעגעבן אַ דריטן אָרט. אויף די ערשטע ערטער האָט מען אַוועקגעזעצט די פאַרשטייער פון די זעמסטוואָס, שטאָט קאָאָפּעראַציע, צו וועלכע עס זיינען צוגעשטאַנען אַ גאַנצע רייע פּראָפעסיאָנעל אינטעליגענטישע אָרגאַניזאַציעס. די זעמסטוואָס האָבן געוויס געקאָנט דינען, אַלס גייסט באַזע פאַר די פאַרלאָרענע אָנפירער שוין דערפאַר אַליין, ווייל זיי זיינען אַפילו ניט געווען איבערגעוועהלט און אַזוי אַרום מיט אַ צאַרישן צייכן אַפן שטערן האָבן זיי געקאָנט קומען צו גרוך פאַר יעטוועדער באַוועגונג, אַבי זי זאָל גאָר זיין געווענדעט צוריק. די שטעט האָבן שוין אויסגעדריקט דעם נעכטיקן טאָג פון דער רעוואָלוציע; דער רעכטעסעריש-קאַדעטישער ראַט פון די דומעס, וואָס האָט באַוויליקט דעם טויט-שטראָף, איז בשום אופן ניט געווען צוגעפּאַסט צו דער שטימונג פון די ברייטע שטעטישע מאַסן. ענדלעך, די קאָאָפּעראַטיווע באַאַמטע, וועלכע די פאַמעגליכע פויערן האָבן אויסגעוועהלט צו האַנדלען מיט הערינג און ניט זייף און וועמען זיי האָבן קיין מאָל ניט געגעבן קיין שום פּאָליטישע מאַנדאַטן, זיינען געווען פאַרן פּירגער צערעטעלי גאַנץ זיכערע עלעמענטן: ווייל די זשאַגאַ ריאַרק פון די קאָאָפּעראַטיווע פּאָליטיקער, די פרוי קוסקאָווא, האָט ערקלערט אָפן צוזאַמען פאַר פון די קאָאָפּעראַטאָרן די ווילדע היסטעריעס פון זייערע כאַוויירים פון קאַדעטישן לאַגער, אַז זי וועט געגן אָפּהאַקן איר האַנט, אויב אַז די האַנט וועט אַריינוואַרפן אַ בולעטין מיט קאַנדידאַטן פון יענער פּאַרטיי, צו וועלכער ס׳האָט געהערט די קאַטף לוסטיקע קאָאָפּעראַטאָרן גופא: אַפילו די קינעי-ראַנישע מענשעוויקעס האָבן זיך איר אויסגעוויזן צו רעכטס!

זייענדיק אין עצם פאַלש, האָט די דעמאָקראַטישע באַראַ-

טונג ניט בעקאַנט פאַרנעמען זיך מיט פעלשונגען אין גאַנצן טעריטאָר פון איר טעטיקייט. קערענסקי, וואָס האָט לכאַטבילע זיך אַרויסגעזאָגט אין זייער פּרעסע וועגן פּריוואַטן כאַראַקטער פון דער באַראַטונג (צוליב מלוכישקייט האָבן דאָך פאָרט גע-פעלט ריאַבושינסקי און קאַלעדין!), האָט געגעבן אַ טאָן דער פּרעסע פאַרזאַמלונג, ערקלערנדיק, אַז „די קאָרנילאָווישטשינע איז דערשטיקט געוואָרן ביזן אָף דורך מיר", ד. ה. דורך קע-רענסקין (דאָס איז געזאָגט געוואָרן פונקט דאַן, ווען די אויס-פאָרשונגס-קאָמיסיע האָט געזאָגט פאַר אַלעמען, אַז איר איז „שווער אויסצופירן קאָרנילאָוון!").

דערנאָך האָבן זיך אַ שאָט געטאָן ענדלאָזע רייזעס פון געוועזענע און איצטיקע מיניסטאָרן און נאָך זיי אַן אַ צאָל פאָרשטייער פון אָרגאַניזאַציעס אַ צאָל. טשערנאָוו האָט דער-ציילט, ווי מ'האָט אים ניט געלאָזט אַרבעטן אין קאָאַליציאָנס מיניסטעריום און — האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר אַ קאָאַליציאָנס-מיניסטעריום. סקאָבעליעוו, וואָס האָט געגעבן צוזאָג נעמען 100 פּראָצענט ביי דער בורזשואַזיע, האָט שטאַמלענדיק גע-קלאָגט זיך אויף די שווערקייטן פון זיין אַרבעט און האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר אַ קאָאַליציע. זאַרודני האָט געמאַכט פריילעך דאָס פּובליקום מיט שלעכטע אַנעקדאָטן פון מיניסטערישן לעבן האָט דערקלערט, אַז ער האָט גאָרניט פאַרשטאַנען און פאַרשטייט גאָרניט. און האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר אַ קאָאַליציע. מיט איין וואָרט, אַלע מיניסטאָרן, צוגעוואוינט צו די באַקוועמליכ-קייטן פון פּאָסטנס, האָבן בלייוו ונעפעש געהאַלטן פאַר אַ פּשאָ-רע, אַז די „מאַסע", וואָס איז קונציק צונויפגעזאַמלט געוואָרן דורך ספּעציאַליסטן פון אַגענצן, האָט געגעבן 766 שטימען פאַר קאָאַליציע און 688 קעגן; די ראַטן האָבן מיט אַ גוואַלדיקן ראָוו געשטימט קעגן, נאָר מיט אַ גרעסערן ראָוו האָבן געשטימט קעגן אויך די פּראָפעסיאָנעלע פאַראייגען; איינגאַנצן קעגן האָט זיך אַרויסגעזאָגט דער פלאָט; אַפילו פון די אַלטע אַרמייאישע אָר-

גאַניזאַציעס האָט אַ העלפֿט אָפּגעוואָרפֿן די קאָאַליציע. די קאָאַ-
ליציאָניסטן האָבן געזיגט, אַרויסטאָרנדיק אויף די. פּאַר וועלכע
זיי האָבן לכאַטבילע פֿאַרזיכערט אַ ראַוו: אויף די זעמצעס, אויף
די ראַטמענער פֿון די דומעס, אויף די קאָאָפּעראַטיוון צוזאַמען
מיט די סאָציאַל-פֿאַררעטער פֿון אַלע אַנדערע אַנשטאַלטן. אָבער
בשעת מ'האָט אויפֿגעשטעלט די פֿראַגע מקויעך קאַדעטן, האָט
אַפֿילע אַט דער צוגעקליבענער ראַוו ניט געוואַגט שטימען פֿאַר
דער קאָרנילאָווער פּאַרטיי פֿון פֿאָלקס-פֿאַראַט. ווייל די סאָציאַל-
פֿאַררעטער סאָלאָווייטשיקעס האָבן ניט געזונגען, וואָס האָט זיי
נישט געלונגען, און בשעת ס'איז געוואָרן קלאָר, אַז די קאָאַלי-
ציע מיט דער בורזשואַזיע אָן קאַדעטן—דאָס איז אַ nonsens;
באַייס ס'איז אויפֿגעשטעלט געוואָרן פֿאַר די מענשעוויקעס און
עסערן די פֿראַגע וועגן שאַפֿן אַ סאָציאַליסטישע „בורזשואַזע"
מאַכט, האָבן זיי זיך אָפּגעוואָרפֿן מיט שרעק פֿון אַזאַ פּערספּעק-
טיוו און האָבן געשטימט קעגן דער רעזאָלוציע אין גאַנצן.

און אין רעזולטאַט איז אויסגעקומען, אַז די דעמאָקראַטי-
שע באַראַטונג האָט דורכגעוואָרפֿן איר אייגענע רעזאָלוציע און
איז געבליבן זיצן פֿאַרוועלקט, אָרים און נאַקעט.

אָבער דאָ האָבן זיך באַוויזן אויף דער בינע די פּראָפֿעסיאָ-
נעלע פֿאָקוסניקעס און דער ערשטער צווישן זיי — „דער איי-
דעלער צערעטעלי". מיט דער הילף פֿון פֿאַסעטער שווינדלעריי
איז שייר ניט דורכגעגאַנגען אַ שענדלעכסטע רעזאָלוציע, וואָס
האָט פֿאָרגעלייגט שאַפֿן אַן אָרגאַן, וועלכע זאָל „סאַנקציאָנירט
ווערן" דורכן באַנאַפּאַרט און זאָל „מיטהעלפֿן" דער רעגירונג
שאַפֿן אַ מאַכט. די באָלשעוויקעס בראָש מיט טראָצקין, וואָס
זיינע גלענצנדע און רומפֿולע רייד האָבן אַרויסגעבראַכט פֿון
די קיילעס אַלע הערן און אַלע קנעכט, זיינען דעמאָנסטראַטיוו
אַרויס אַן ענטפֿער אויף די סאַטעטס פֿון העצעריי און שאַנד.
אוועקגעגאַנגען. די אַ יסבעסערונגען, וואָס זיינען אונטערגעריקט
געוואָרן פֿון צערעטעלי, זיינען דאָך אָראָפּגענומען געוואָרן. אָבער

די פאַקטישע פּאָליטיק, וואָס איז געווען אַ פּויעל-יוצא פונעם אָפּמאַך צווישן קערענסקין, צערעטעלען, גאָצן און קאָמפּ., צווישן די קאָאָפּעראַטאָרן און צענזאָוויקעס, מיט וועלכע ס'איז געגאַנגען אויך די פאַרהאַסטע פּאַרטיי פון פאָלקס-פאַראַט, — אָט די פּאָליטיק איז נאָך אַלץ דורכגעפירט געוואָרן דורך די העלדן פון דער באַראַטונג. די אַנגענומענע רעזאָלוציעס האָבן פאַרגעלייגט באַזיסן שאַפן די מאַכט „פאָדערן אויספירן די פּראָגראַם פונעם 14-טן אויגוסט, ד. ה., די פּראָגראַם, וואָס טשכעאידזע האָט אַזוי הייס פאַרטיידיקט אין אַנוועזנהייט פון קאַלעדינען און גאַנץ אַפּוועזנהייט פונעם פּראָלעטאַריאַט אויף דער מאָסקווער באַראַטונג.

אויב די מאָסקווער באַראַטונג אין גרויסן טייל איז געווען די אַקושערין פון דער קאָרנילאָווער פאַרשווערונג, האָט דער באַרג פון דער דעמאָקראַטישער באַראַטונג געבוירן פריער פאַר אַלץ אַ קאָמישעס מײַזעלע — דעם „פאָרפּאַרלאַמענט". אַ אָנמעכטיקער געזעצפאַליקירנדער אָרגאַן בײַ קערענסקין, אַ געבאָדיקע קאַנצעלאַריע, וואו דער באַגרעניצטער באַשטאַנד פון דער באַראַטונג איז אַנגעפילט געוואָרן מיט אַ היפּשע פּאַרציע צענזאָוויקעס מיט קאַדעטן בראָש, קעגן וועלכע ס'האָט פריער געשטימט די באַראַטונג — אָט דאָס איז געווען דער פּויעל יוצא פון די דעבאַטן „מקויאך דער מאַכט". די אויפגאַבע פאַרניכטן די אומפאַרמײַדליכקייט פונעם באָנאַפּאַרטיסט האָט געפונען איר ערלייזונג אין דעם, וואָס עס איז געשאַפן געוואָרן אַ מין „פאַר-פאַרצימער", וואָס איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַקטיש פאַר דעם, וועמענס אומפאַראַנטוואָרטליכקייט ער האָט געדאַרפט גוי-ווער זײַן.

די דעמאָקראַטישע באַראַטונג האָט זיך באַוויזן פרוכטלאָז, ווי דער יעוואַנגעלישער פײַגנבוים. אָבער בשעת די הערן קאַדעטן האָבן זיך געפרייט, צוקוקנדיק די „אָנמעכטיקייט פון דער דעמאָקראַטיע", האָבן זיי גוט פאַרשטאַנען, אַז זייער פרייד איז

און גוויסטעריטשע. זיי האבן קלאר געזען, אז די אנמעכטיקייט פון דעם צונויפקלייבעניש, וואס איז איינגעארדנט געווארן דורך צערעטעלי און באווילינט געווארן דורך קערענסקען, האט ווייניק שייכעס מיט דער דעמאקראטיע, וואס האט זיך געשטארקט פון טאג צו טאג אויף יענער זייט ווענט פונם אלעקסאנדרישן טעאטר.

... „אין רעזולטאט פון א גאנצער רייע געשעענישן — האט געשריבן די באנק-צייטונג „רוסקאיא וואליא" ביים עפע-נען די דעמאקראטישע באראטונג — וואס טוען אין דעם פעריאד צווישן מאמענט פון דער מאפאלע אפן פראנט ביזן מאמענט פון דער מאפאלע פון דער קאנטער-רעוואלוציע, האט אויסגעהויבן די קאפ דער דעמאגאגישער באלשעוויזם, און די „ארגאניזירטע דעמאקראטיע" אין פעטראגראד איז ארייינגעפאלן אין געפענגע-ניש צו די לעניניסטן. אט דער „פאליטישער" רעזולטאט פונם זעקסטן רעוואלוציע-ערן כוידעש מעג אין אנגערופן ווערן „ערשיטערנד", ווי פארהעלטענישמעסיק ס'זאל ניט זיין ווערט.. אונטער דער דריקנדער ווירקונג פון אט די געשעענישן האט זיך געעפנט די באראטונג פון די דעמאקראטישע ארגאניזאציעס..."

אט דער ניט אפצוהאלטן שטארקער וואוקס פון דער פרא-לעטארישער פארטיי, וואס ווי ס'האט ערקלערט מיט א דאמען-געפיל די פאטראנעסע פרוי ברעשקאווסקאיא — „ווירקט שלעכט אף אונזערע גוטע, וואוילע ארבעטער, פויערים און סאלדאטן"; אט די פארשטארקונג פון דער הארמאשנער רעוואלוציאנערער ארמיי האט בעסער געשטעלט די בורזשואזיע אין א קריטישער לאגע. אין לאנד איז געוואקסן איין קאנפליקט נאכן אנדערן: א שטרייק פון די אייזנבאן-ארבעטער, פויערשע אומרוען, די מאבילירונג פון די ראטן-קויכעס, — איז דען ניט קלאר גע-ווען, אז די כוואליע פון בירגער-קריג וועט אפשווענקען די נעבעכדיקע געביידע פונם פארפארלאמענט.

די רעגירונג פון בירגער-קריג — די אָקטיאַבער רעוואָלוציע

„די גאַנצע מאַכט די ראַטן!“ „צונויפרופן א צווייטן צוזאַמענפאָר!“ — אָט דאָס איז געווען דער לאָזונג, מיט וועלכן די באָלשעוויקעס זיינען געגאַנגען אין דער דעמאָקראַטישער באַראַטונג און אין פאָרפּאַרלאַמענט... די פּאַרטיי פונעם פּראָלעטאַריאַט האָט גוט פאַרשטאַנען די אָביעקטיווע אומפאַרמיידלעכקייט פון א בירגער-קריג. פאַר דער גרויס-בורזשואַזיע איז קיין אַנדער אויסוועג נישט געווען אַלס אָן אָפענער אָנפאַל אויפן פאָלק, קעגן וועלכן זי האָט געפירט א פערמאַנענטע פּאַרטיזאַנישע קריג. אַלס ענטפער אויפן לאָזונג פונעם פּראָלעטאַריאַט האָט קערענסקי געקלאַפּט דעם טאַש ענטער ראַט; אַלס ענטפער אויף די שטימע פון די פויערים, האָט „זיין“ רעגירונג געהאַלטן אין איין אַרעסטירן די ערד קאָמיטעטן; אַלס ענטפער אויף די ווייגעשרייען פון די אייזנבאַן-אַרבעטער און די קוילן-גרעבער האָט מען זיי „געבראַכט אין אָרדענונג“; אַלס ענטפער אויף דער פאָדערונג צו אָנערקענען די רעכט פון פינלאַנד האָט מען געשיקט שטראָף-עקספּעדיציעס און מ'האָט דערווייטערט די רעוואָלוציאָנערע כיילן; אַלס ענטפער אויף די רעזאָלוציעס פון די אַרבעטער וועגן באַפרייען די באָלשעוויקעס האָט מען באַפרייט טורמע-פאַרוואַלטערס און זשאַנדאַרמען; ענדלעך, אַלס ענטפער אויף דעם איינשטימיקן געשריי פונעם גאַנצן פאָלק: „נידער מיט די בויגדים קאַדעטן!“ האָט קערענסקי באַשטימט א קאַדעטיש מיניסטעריום מיט לאַקייען אין ליוורייעס פון געוועזענע סאָציאַליסטן. נאָך אַלע אַנטדעקונגען, נאָך די העצערייען קעגן דער אַרמיי מיצאַד די קאַדעטן, נאָך דער מאַפּאַלע פונעם קאַדעטישן אויפשטאַנד און פּאָגראָם, נאָך דער בגידע אונטער ריגע, נאָך דער שווידערלעכער פּראָוואָקאַציאָנס-שפּיל, וואָס איז אַרויסגעפאָרן אויף טויט-שטראָף — האָט קע-

רענסקי פאָ[illegible]עט ארויסגערופן צום קאמף, בשעת ער האָט באַ-
שטימט אין מיניסטעריום שטעמפעלירטע פאררעטער!

די רעגירונג פון בירגער-קריג — אונטער
אזא נאָמען איז אריין אין געשיכטע דער נייער קאבינעט פון
דער רוסלענדישער רעפובליק.

קאנאוואלאָוו, א גרויסער מאָסקווער סוחר, דער
אידעאלאָג און דער פראקטיקער פונם אלרוסלענדישן סאבאָ-
טאזש — דער מיניסטער פון האנדל און אינדוסטריע און דער
פארטרעטער פון פרעמיער. וועט דען איצט נישט געמאכט ווערן
קיין ענדע מיט די לאָקאאוטש קעס? טרעטיאקאוו, אויך
א סוחר און א בירזשעוויק, איינער פון די מאנאָפּאָליסטן פון
דעם טעקסטיל-ראיאָן — דער פארזיצער פונם עקאָנאָמישן ראט.
וועט דען איצט נישט באזייטיגט ווערן די צעשטערונג? אלס
מלוכע-קאָנטראָלער איז באשטימט געוואָרן סמירנאָוו, סמיר-
נאָוו, וואָס האָט נישט בלויז געהאלטן די ארבעטער אף א הונ-
גער-לוין, צוגענומען בא זיי ליכט און וואסער, נור האָט אויך
אויסגעמאָטערט זייערע פערד, קריי דערגאָך האָבן די מעגלעכקייט
איבער פאָליטישע טיימים פארמאכן די אונטערנעמונג. וועט דען
איצט ניט זיין קיין גענוגענדער קאָנטראָל איבער די מלוכע-
פינאנסן? וועט אָט דער מענשנפרעסער ניט ברייננען אין אָר-
דנונג די צעשטערטע מלוכע ווירטשאפט? אלס מיניסטער פון
אויסערליכע איניאָנים איז געבליבן טערעשטשענקא.
האָט ער דען נישט ארויסגעוויזן זיין פייערדיקע פלייסיגקייט אין
איניען פון שאָלעם? יעפרעמאָוו איז באשטימט געוואָרן אלס
באפולמעכטיגטער מיניסטער און אויסעראָרדנטליכער געזאנדטער
אין שווייץ. אָבער האָט ער דען זיך ניט פארעקאָמאנדירט אלס
דער בעסטער פריינד פונם איינגלישן אימפעריאליזם? און שוין
זשע איז דאָס ניט קיין גענוגענדע גאראנטיע פאר שאָלעם און
פרייהייט? קישקין, מיט וועלכן די מאָסקווער ראטן האָבן זיך
אָפגעזאָגט האָבן וואָסערע ניט איז באציהונגען, איז באשטעטיקט

געוואָרן אַלס מיניסטער פון סאָציאַלער פאַרזאָרגונג. ווער האָט דען געקאָנט צווייפלען אין דעם, אַז ער וועט אויספילן זיין כויוו פאַר דער רעוואָלוציע?

דער „ראַציאָנאַליסטישער" נעבל — דער מיטאַרבעטער פון „רוסקי סלאָווא" בערנאַצקי, דער „אַרבעטער" גוואָזדיעוו, דער אַדוואָקאַט מאַליאַנטאָוויטש און אַנדערע „קליינע געטער", וואָס האָבן זיך אויסגעזעצט אַרום דעם אויסגעשפּראָכן־אימפּעריאַליסטישן („זאַכליכן"), קאַדעטיש־קאָרנילאָווישן נעסט, איז לכאַטכילע געווען פאַרמישפּעט צו שטייען אויף די הינטער־טרעפּלאַך פון דעם טריאומפאַלן רייט־וואָגן פון „האַנדל און אינדוסטריע". עטעס, דער קאַבינעט איז געווען באַוויליגט פון דעם הער ביוקענען. נאָך מער, די ענגליש־פראַנצויזישע פריינד האָבן זיך פאַרנומען פאַר־שעם מיט אויסנאַרעוושן און שאַנטאַזש, כדי צו באַקומען דעם געוואונטשן רעגירונג־באַשטאַנד פון זייער נייער הויב־קאָמפּאַניע. און אַט די רעגירונג איז געשאַפן געוואָרן ערשט נאָך געהיימניספולע שמועסן פון די רוסלענדישע באַנקאַפּיטאַלאַך, גייטן געזאָנדערט פון זיין מאַיעסטעט געאָרג. אָבער דעם רוסישן פאָלק איז דערפון נישט גרינגער געוואָרן. די אָביעקטיווע ראָל פונעם נייעם קאַבינעט האָט געקאָנט זיין נור איינע: דאָס איז געווען אַ פּ ר אָ װ אָ ק אַ צ י ע פ ו ן אַ ב י ר ג ע ר ־ ק ר י ג.

די העדן פון דער צייטווייליקער רעגירונג האָבן אַגאַוו געהאָפט אויף דער שטיצע פונעם בירגער און יענע „סערעדניאַקעס" וואָס האָבן זיך פאַראייניקט אין דער דעמאָקראַטישער באַראַטונג אונטער דער פּאָליטישער „העגעמאָניע" פון די קאָמפּראָמאַטאָרן.

„איך מוז אָפן זאָגן" — האָט געשריבן אַרום דאַנק — אין „דע-מאָקראַטישן „דען" איינער פון די גרעסטע מיטאַרבעטער זיי-נע: — „זייענדיק איבערצייגט מאַסקים מיט דער פּאָליטישער פּלאַט-פאָרם פון קאָמפּראָמיס, קען מען ניט ניט זעהן, ביטטיל, אַז פון רעכטס רוקט זיך אַ גאַנצע מאַכנע קעמפער, וואָס דערבן רע-וואַנש פאַר אָלדאָסבייזע און פינסטערע, וואָס דער באָלשעוויזם

האָט געבראַכט און ברײנגט מיט זיך אין ראַמען ברייטן זײן פונקט וואָרט. און איך בין איבערצייגט: דאָס וועט זײן ניט בלויז אַ שפראַכן-קאַמף. און דער אפיזאָד פון קערענסקען, סאַווינקאָוו און קאַמפ., „וואָליאַ נאַראָדאַ", האָט געקלינגען אין גלעקער און האָט גערופן אונטערן פאָן פון קאַמף מיטן באָלשעוויזם, באַהויפטנדיק, אַז „קיין פשאָרע האָט מער קיין אָרט ניט" און אַז, די דעמאָקראַטיע מוז זיך פאַראייניקן און מיט אַן אײזערנער האַנט צווינגען דעם באָלשעוויזם אונטערגעבן זיך איר ווילן."

אין דער וואַקסנדער אויפרעגונג פון דעם מעל-האַנדלער, אַדוואָקאַט און קאָאָפעראַטאָר האָט זיך אָפגעשפיגלט דער פאַכאַד פונם אייגנטימער פאַרן קומענדיקן קאָמוניזם. אָט דער פאַכאַד האָט זיי געבראַכט אין אַ ציטערנער שווייס: די איבערגעשראָקענע פאַנטאַזיע האָט זיך שוין געשילדערט די שרעקן פון רויבערייען, מערדערייען, אַ געמיינער „כליקע", פאָגראָמען און „שכיטעס".

דער מיטעלער בורזשואַ, ניט קוקנדיק אַף זײן נעבעכדיקן און שמוציקן רעאַליזם פון אַ הענדלער, איז, אייגנטלעך, קיינמאָל ניט קיין רעאַליסט; און, ניט קוקנדיק אַף זײן ניכטערן, אַרט דענקען איז ער אינגאַנצן אין דער מאַכט פון צוויי עמאָציעס: פאַכאַד, באַייט די געשעפטן זײנע זײנען שלעכט, און נקאָמע, ווען „ער" האָט מנאַצייעך געווען; ווען ער פאַרשליסט אַפן קייטל זײן וואוינונג און פאַרשטופט אונטערן קישן זײן בײטל, ווען וואָס איז ניט נוציק אפילע פון שטאַנד-פונקט פון זײנע אינטערעסן; ער ווערט אַ שווייגער ווי אַ באַזיר און לייענט מיט לײדנשאַפט די שרײענדע אַרטיקלען פון זײנע אידעאָלאָגן, ווען ער האָט נאָך פולע פרײזיים פון וואָרט. אָבער ער שטעכט אויס די באַזיגטע סאָנים די אויגן מיט זײן שטעקל און איז גרייט צו ברײנגען די ווײב, די טאָכטער און די שוועסטער קוקן דעם מאָרד פון זײנע פאָליטישע קעגנער. זײן נידערטרעכטיקייט און זײן נקאָמע איז דירעקט פראָפאָרציאָנעל זײן פאַכדאָנעס.

דער בורזשואַ האָט אַביסל איבערטריבן די קומענדיג „שרעק״ אָבער ער האָט געטראָפן מיט זײַן אינסטינקט קימאַט פון כאַיע די אומ- פאַרמײַדלעכקייט פונעם שטרײַך. אין דערצייט האָט זיך צו אים גאַנץ באַוואוסטזיניג געגרייט דער פינאַנץ-קאַפּיטאַל מיט זיינע חיטרע קונצעס.

די פאַרשאַרפונג פונעם קלאַסן-דראַנג פון אָט דער זייט איז פאָרגעקומען אינצייטיג אין אַלע ריכטונגען. אין ע ק אָ נ אָ מ י ש ן געביט איז האַרט סיסטעמאַטיש דורכגעפירט געוואָרן ריאַבושינ- סקיס פּלאַן—צוקומען די אַרבעטער „מיט דער ביינערנער האַנד פון הונגער״. „פאַרבאַהאַלטענע״ און „אָפענע״ לאָקאַאוטן זיינען געוואָרן אַלץ אָפטער. בא דער פאַלשטענדיגער צעשטערונג פון דער אינדוסטריע און דעזאָרגאַניזירונג פון דער גאַנצער ווירט- שאַפט האָט דער „האַנדלס אינדוסטריעלער קלאַס״ קונציג אונ- טערגעגאָסן בוימל אין פייער מיט אַנאויסגערעכנטן סאַבאָטאַזש, וועלכער איז געוואַקסן און געוואַקסן. די הערן מיניסטאָרן האָבן באַשלאָסן, ענדליך, צענטראַליזירן די זאַך און אָ ר ג אַ נ י ז י ר ן אַ דעזאָרגאַניזאַציע, אויפהייבענדיג דעם סאַבאָטאַזש ביז אַ פּרינ- ציפּעלער הייך פון אַ מלוכיש-נאַציאָנאַלער אויפגאַבע. טאַקע בלויז צוליב אָט דעם ציל, ד. ה. צוליבן ציל פון אַ געקינצלטן פאַר- גרעסערן שוין אַזאַ אויך נישט קיין קליינע אַרבעטלאָזיגקייט און הונגער, האָבן די סמירנאָווס און די קאָנאָוואַלאָווס, אָנגעהויבן מיט אַ געוואַלדיגער פלינקייט אויסלאָדן פריער פּעטערבורג (דאָס איז געווען דער מער רויטער און דערפאַר דער געפערליכסטער פּונקט) און דערנאָך אויך דעם מאָסקווער ראַיאָן. און אין דער זעלבער צייט, ווען די טאַכרים און אינדוסטריעלער האָבן „גע- אַרבעט״ אין די פאַבריקן און זאַוואָדן, האָבן די פינאַנסירנדע אַנשטאַלטן אָנגעהויבן דורכפירן מיט אַ שטאַרקן טעמפּ די זעלבע פּאָליטיק בנוגע צו די „נייע״ דומעס. באַזונדער די באָלשע- וויסטישע, אָפּזאָגנדיג זיי אין אַ וואַסער-טביט-איז קרעדיט און בעזמעס, האָט מען דען געמוזט צוטראַכטן אַ מער „אַלגעמיין נאַציאָנאַלע זאַך״, ווי אַזאַ מין לאַנגזאַמער פאַרצייען דעם שוין

אַנגעזייפטען וואָרג-שטריק? און די פּאָליטיק האָט ממאלע געוועז די עקאָנאָמיק. און פריער פון אַלץ די „אינטערנאַציאָנאַלע" פּאָליטיק די הייסע פּאַטריאָטן זייגען שוין געווען גרייט צו שליסן אַ וואָסער ס'ניט איז שאָלעם אַלס אַ בייט פּאָרן איינשטילן די אַרבעטער און די פּויערן. געהיימניספאַלע אויסלענדישע באַראַטונגען, וועגן וועלכע ספּלעגן זיך דורכזייען ידיעס אין פּרעסע האָבן אויסגעדריקט אָט די אַנגעוואַקסענע נויטווענדיגקייט.

די האַכאַנעס אָפּגעגעבן פּעטערבורג מיט אַנאייגצייטיגן צושיסן אים פון דייטשע קאַנאָנען דאָס איז געוואָרן דער פּאַרבאַהאַלטענסטער געדאַנק פון די רוסלענדישע בורזשויען.

ענדליך, האָבן זיך געגרייט באַוואָפנטע אויך פון אינווייניג, אומעטום האָבן זיך מאָבּיליזירט אָרגאַניזאַציעס וואָס זייגען אין די קאָרנילאָוו טעג געווען צוקלאַפּט, און פּעסטער פון אַלץ האָבן זיי זיך אַרומגעראָבן אין דאָן, פון אָט דער רוסישער וואַנדייע האָט געזאָלט עפּענען זיך אַ קרייץ-צוג אַף דער רעוואָלוציע פונם רוסישן פאָלק.

דער אַרבעטער קלאַס פון זיין זייט האָט אָנגעווענט אַלע קויכעס, גרייטענדיג איבערגיין פון פּאַרטיידיגונג אין אָנגריף. די ברייטע אַרבעטער מאַסן האָבן דערפילט די נויטיגקייט פון קאַמף פאַר דער מאַכט שאַרף, ווי קיינמאָל ניט פריער. עקאָנאָמישע שטרייקן, מיט וועלכע דער פּראָלעטאַריאַט האָט געפּרוּווט ענטפערן אַפן דראַנג פונם קאַפּיטאַל, האָבן נישט געהאָלפן. זיי זייגען פּאַשוט פּראָוואָצירט געוואָרן דורכן קאַפּיטאַל, וואָס האָט פּאַרוואַנדעלט אָט דעם מיטל פון קאַמף אין לאָקאַוטן וואָס זייגען דורכגעפירט געוואָרן מיט די הענט פון די אַרבעטער. די מאַכט די ראַטן! די מאַכט דעם צוזאַמענפּאַר פון די ראַטן! אַ אָפּוואַ-פן די רעגירונג!—אָט די לאָזונגען זייגען געוואָרן אַזוי פּאָפּולער, אַז זיי האָבן זיך נישט גענויטיגט אין קיין שום פּיירושים.

דאָס פּויערטום האָט אַלץ געעכערט איר אַקטיוויטעט, איבערגייענדיג אין אַ פּאַשוטן אָפּשטאַנד געגן די פּריצים; ס'האָבן

איר שוין מער ניט געשראָקן קיינע רעפּרעסיעס, וואָס האָבן זיך געשאָטן לאָרוויז אויף איר קאָפּ. דער קריזיס איז אָנגעוואַקסן מיט אַן אומגעהייערער שנעלקייט.

די דעקלאַראַציע, וואָס די נייע רעגירונג האָט פּובליקירט, האָט איינגאַנצן באַשטעטיקט די ערגסטע פאַרשטעלונגען: „פירן די מילכאָמע אין אייניגקייט מיט די פאַרבינדעטע"; „איינאָרדענען די ערד באַציִונגען „ניט שטערנדיג די רעכט פון דער עקזיסטירנדער גוט באַזיצעריי"; העכערן די אומדירעקטע שטייערן; ענדליך, פירן „אַנ'ענטשיידענעם, דויערנדן, סיסטעמאַטישן קאַמף מיט קאָלערליי מינים קאָנטר-רעוואָלוציע און אַנאַרכיע"-אָט דאָס איז געווען די „פּראָגראַם". אין איבערזעצונג אויף פּאַשוטן לאָשן האָט דאָס געהייסן: אינטערנאַציאָנאַלע מערדעריי, אָפּהיטן די פּריצים, באַרויבן די מאַסן, דערשטיקן די רעוואָלוציע. אָט אַזאַ האָט געזאָלט זיין און אָט אַזאַ איז געוואָרן די פּראָגראַם פון דער רעגירונג פון בירגער קריג.

און בנוגע צו דער פראַגע וועגן קאָנסטרואירן די מאַכט, איז זי געווען „ערלייזט" אין דער „פאַראָרדנונג מיקויאַך דעם צייטווייליגן ראַט פון דער רוסלענדישער רעפּובליק", וואָס איז פּובליקירט אונטער דער כסימע פונ'ם בירגער קאָנאָוואַלאָוו. טאַקע אָט דעם לעצטן איז איבערגעגעבן געוואָרן באַשטימען דעם גוירל פונ'ם פאַרפּאַרלאַמענט, וואָס האָט געזאָלט באַשטימען דעם גוירל פון קאָנאָוואַלאָוון. אין דער „פאַראָרדנונג" איז מיט אַנ'אומגעהייערער קלאָרקייט באַוויזן געוואָרן די ראָל פון די סאָציאַל-פּאַטריאָטישע סערוועטער: זיי האָבן זיך דערשלאָגן דאָס, וואָס זיי האָבן געוואָלט! סיי ווי סיי זיינען די קנאַפּע רעכט פון דער דעמאָקראַטיע געווען אָרומגעשניטן פון אַלע זייטן. דעם „ראַט פון דער רעפּובליק" איז גנעדיק ערלויבט געוואָרן „צו באַהאַנדלען אָט די געזעצגעבערישע האשארעס, אויף וועלכע די צייטווייליקע רעגירונג וועט געפינען פאַר נויטיק האָבן דעם באַשלוס פונ'ם ראַט" — אָט וואָס איז געווען די בקאָוועדיקע פונקציע פון דער „הויפּישער" קאָנצעלאַריע פון קערענסקען!

דער געזעצבאראטונגס-״ראט פון דער רעפובליק״, וואס האט געזאלט זיין א פעסטונג איינצייטיק סיי קעגן דער גרינדונגס-פארזאמלונג (לוואוו, קאראאולאוו און די איבעריקע האבן שוין געשריען וועגן דער נויטיקייט ווידער אפלייגן די וואלן), סיי קעגן די ראטן פון ארבעטער, סאלדאטן און פויערים, — איז געווען אין עצעם באלד אומגעריסן דורך דער פארטיי פונעם פראלעטאריאט. די באלשעוויקעס זיינען אוועק פון אט דעם ״רעפארמירטן״ פארפארלאמענט, ווי ער האט מיט אמאל אנגעווארן די ווערט פון א צענטר, אין וועלכן ס׳האט זיך אפגעשפיגלט די גאנצע אנגעשטרענגטקייט פון דעם קלאסן-קאמף.

דער פראלעטאריאט האט אליין ווייטער מאביליזירט די קרעפטן פון די ראטן. דער געגנט-קאמיטעט פון דער ארמיי, פלאט און ארבעטער אין פינלאנד האט זיך געווענדעט מיט א שארפן אויפרוף קעגן דער רעגירונג, וואס האט געשיקט קאנטר-רעוואלוציאנערע מיליטער אין פינלאנד; ס׳האבן זיך אנגעהויבן האכאנעס צו א גאנצער רייע געגנט און ארמיי צוזאמענפארן. ס׳האט אנגעהויבן קאכן א פיבערישע ארבעט צום צונויפרופן אן אלרוסלענדישן צוזאמענפאר, וואס איז פריער נאך געווען באשלאסן — אונטערן שטארקן דרוק מיצאד די מאסן — דורכן צענטראלן אויספיר-קאמיטעט. דער פאקס פון פאליטישן לעבן, אף אזא אופן, איז געווארן ניט דער נעבעכדיקער ראט פון דער רעפובליק, נאר דער קומענדיקער צוזאמענפאר פון דער רוסלענדישער רעוואלוציע. אין צענטר פון אט דער מאביליזאציאנס-ארבעט איז געשטאנען דער פעטערבורגער ראט, וואס האט דעמאנסטראטיוו אויסגעוויילט פאר זיין פארזיצער טראצקין, דעם גלענצנדסטן טריבון פונם פראלעטאריאט און אופשטאנד.

אין דער זעלבער צייט האבן די אנפירער פון דער אלטער ראטן-ביוראקראטיע, אט די, וואס האבן נאך אין די צייטן פון דער דעמאקראטישער באראטונג זיך אפגעטרייסלט פון די

ראַטן, פֿילנדיק, אַז דאָרט האָבן זיי שוין לאַבלוטין קיין באָדן ניט, — ענדלעך איצט פֿאַרפֿיקסירט זייער פֿעררעטעריי. דער אָפֿי-ציעלער אָרגאַן פֿון די ראַטן האָט אָנגעהויבן פֿירן אַ קאַמף פֿאַר מוואַטל מאַכן אָט די ראַטן!

„די ציטווייליקע אָרגאַניזאַציע פֿון די ראַטן — האָבן געשריבן די „איזוועסטיאַ" — ווילן מיר(!) פֿאַרבייטן מיט אַ שטענדיקער פֿולער און אַלזייטיקער אָרגאַניזאַציע פֿון מלוכישן און אָרטיקן בוי פֿונם לעבן. בשעת ס'איז געפֿאַלן די זעלבסט-הערשונג און אינאיינעם מיט איר דער גאַנצער ביוראָקראַטישער סיידער, האָבן מיר(!) אויסגענוצט די ראַטן פֿון דעפּוטאַטן אַלס ציטווייליקע ביידלאַך, און וועלכע די גאַנצע דעמאָקראַטיע זאָל קענען געפֿינען אַ היים. איצט אַנשטאָט ביידלאַך ווערט געבויט אַ שטענדיקע שטיינערנע געביידע פֿונם נייעם סיידער און, נאַטירלעך, מענטשן גייען שטענדיק איבער פֿון ביידלאַך אין מער באַקוועמע דירות לויט ווי ס'ווערט אויסגעבויט אַ גאָרן נאָך אַ גאָרן."

די הימלאָזע „אַבאַראָנצעס" האָבן באַשלאָסן איבערציין „אין מער באַקוועמע דירות" פֿון דער נייער בוליגינער דומע, וועלכע ס'האָט ערלויבט „שטעלן פֿראַגן" דער קאָנטראַלאַזער קנו-פּיע... אָט אַזוי נידריק זיינען געפֿאַלן די „דעמאָקראַטן" און „סאָ-ציאַליסטן"! אָבער זיי האָבן נישט בלויז פּראָקלאַמירט זייער אָפּ-שטיין: זיי האָבן פֿאַרפֿירט אַ ווילדע קאַמפּאַניע אויף צו „שטערן" דעם צוזאַמענפֿאָר וואָס איז געווען באַשטימט אויפֿן 20 אָקטיאַבר. אין ביוראָ פֿון צ. ק. האָט דער בירגער דאַן, אַז די אַלטע פּוקס פֿון פֿשאַרעס, כּבֿיטע, און אומטערקוויסענדע געשעפֿטלאַך, דער ערשטער צוזאַמענגעשטעלט די פֿראַגע וועגן מוצאל מאַכן דעם צו-זאַמענפֿאָר. דאָס האָט זיך נישט איינגעגעבן. אָבער אַלע אַגענטן פֿון ציק אויף די ערטער, אַלע מענשעוויקעס און רעכטע עסערן, האָבן זיך באַמיט מוצאל מאַכן דעם צוזאַמענפֿאָר אָדער לכאָל האַשפּכעס, אים דיסקרעדיטירן: „מיטן צוזאַמענפֿאָר פֿאַטערט מען די גרינדונגס-פֿאַרזאַמלונג"; „דער צוזאַמענפֿאָר איז נישט נויטיק,

וואָרום „דערווייל" איז פאַראַן דער ראַט פון רעפּובליק": „דער צוזאַמענפאָר — דאָס איז אַ באָלשעוויסטישע דעמאַגאָגיע, וואָס וואַרפט די דעמאָקראַטיע אין די אָרעמס פון דער קאָנטר-רעוואָלוציע" א.אַ.וו. א.אַ.וו., — אַט אַזוי האָבן געזשומעט אומעטום אַט די, וואָס האָבן שוין אייגנטליך, קיין אָרט נישט געהאַט אין די גרויסע קלאַסן-אָרגאַניזאַציעס פון אַרבעטער און פּויערים, וואָס האָבן אויפגעלעבט צו אַ נייעם לעבן צווישן שטורעם-ווינטן פון סאָציאַלן שלאַכט.

די קאַמפּאַניע פון די אָבאָראָנצעס קעגן דעם צוזאַמענפאָר איז אָבער לכאַטבילע געווען גאַראַנטירט אויף אַ פולשטענדיקן דורכפאַל מיטן גאַנצן גאַנג פונם קלאַסן קאַמף, וואָס האָט זיך צושפּילט פון טאָג צו טאָג אַלץ שאַרפער און שאַרפער. פּריצים, סאָכרים, אינדוסטריעלער האָבן שוין טעלעגראַפיש געבעטן ראַכמים די רעגירונג וועגן שיקן אַרטילעריע און מיליטערישע טיילן כדי צו איינשטילן די פּויערים, — די רעגירונג האָט באַפרידיקט זייערע בקשות און האָט צירקולאַריש געווירקט אויף זייערע קאָמיטעטן צו אָננעמען מיטלען „לויט דער גאַנצער שטרענגקייט פון געזעץ"; אין פּעטערבורג האָט זי אָנגעטריבן פון אַלע זייטן „שלאָגערס" און יונקערן; טאַשקענט און באַזונדער דער לינק-עסערישער טאַשקענטער ראַט איז געוואָרן דער שטענדיקער אָביעקט פון קערענסקי—קאָנאָוואַלאָווס עו אבערונגס-שטרעבונגען; קעגן די פינגער האָט מען געפירט די זעלבע פּאָליטיק פון געוואַלד-טהאַט, און אפילו דער „דעמאָקראַטישסטער" פון די מיניסטאָרן, ווערכאָווסקי, האָט געהיים אָפּגעגעבן באַפעלן מ'זאָל אַרעסטירן די קאָמיסאַרן פונם געגנט-קאָמיטעט אין פאַל פון זייער „געגנווירקונג"; דער מלוכה קאָנטראָלער, דער סאַבאָטאַזשניק סמירנאָוו, איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ פּאָשוטן אָנפאַל אויף אַלע ראַטן, אויסאַרבעטנדיק אַ פּראָעקט ווי זיי ריוווידירן, פּונקט ווי דאָס וואָלט געווען אַ פּאָליציי-אומשטאַסטאַק באַם מיניסטעריום פון אינערליכע ענינים; אין מינסק האָט מען פאַרמאַכט דעם זעהר פּאָפּולערן „מאָלאָט"; באַ די לאַטישן האָט מען פאַרמאַכט דעם

„וואָלני סטרעלאָק״; און קריי באַשטראָפֿן די אַרבעטער האָט מען
אין די פֿאַרבאַהאַלטענישן פֿון די מיניסטאָרישע קאַנצעליאַריעס
אויסגעאַרבעט אַ געזעץ וועגן צוואַנג-אַרביטראַזש, ד. ה. אַ געזעץ
קעגן שטרייק. קאָנטער-רעוואָלוציאָנערע באַנדעס האָבן אָנגעהויבן
פֿירן קימאַט אַן אָפֿענע אַנטי-סעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע, און די רע-
גירונג האָט נישט געפֿונען קעגן דעם קיינע מיטלען. דערפֿאַר
האָט זי שווייגנדיק באַוויליקט דאָס צעשיסן רוסישע סאָלדאַטן אין
פֿראַנקרייך, וועגן וואָס עס האָבן דערגרייכט ידיעס אויך ביז דער
היימאַט, און דערנאָך געהייסן מיט טערעשטשענקאָס מויל גיין אין
דימיסיע סקאָבעליעוון, וועלכן דער ציק האָט געשיקט בוקן זיך צו די
דיפּלאָמאַטן פֿון די פֿאַרבינדעטע מיט אַ אָנזאָג מער ווי אַ מיטלמעסי-
גער: אַפֿילו ער האָט שוין אויסגעזען נישט קיין פּאַסענדער פֿאַר דער
וואַרימער כעוורע טערעשטשענקאָ — מאַקלאַקאָוו — אַלעקסייעוו!

און אייגנצייטיק מיט דעם האַלטן אָפּ די אייזנבאַנער אַ
ניצאָכן: דער אַלגעמיינער שטרייק אין באַקו ברעכט דעם
ווידערשטאַנד פֿונעם קאַפּיטאַל; די וואַלן אין מאָסקווער ראַיאָן
דומעס געבן אַ גלענצענדן ניצאָכן די באָלשעוויקעס, אויפֿהייבנדיק
די צאָל פֿון זייערע שטימען פֿון 11 ביז 50 פּראָצענט; דער
צוזאַמענפֿאַר פֿונעם באַלטישן פֿלאָט זאָגט זיך איינגאַנצן אַרויס פֿאַר
די באָלשעוויקעס; דער גאַנצער מאָסקווער ראַיאָן קאָכט זיך און
ערגערט זיך; ס׳שטרייקן די גאַרבערס, סגרייטן זיך שטרייקן די
שטאָט באַאַמטע, האָלצאַרבעטער, טעקסטילער, מעטאַליסטן; אין
די ראַטן-אַ גרונטליכער בראָך פֿונעם אַלטן. די איבערוואַלן געבן
דורכאויס באָלשעוויקעס; ערגיץ גייען אַרויס אַרבעטער אַפֿן גאַס
און פֿאָדערן שוין, אַז די ראַטן זאָלן איבערגיין פֿון ו ו ע ר ט ע ר
צו מ יי ס י ם; ענדלעך, די צימערוואַלדער קאָנפֿערענץ און דער
א ו י פֿ ש ט אַ נ ד פֿ ו ן ד י י ט ש ע מ אַ ט ראָ ס ן געבן נייע
האָפֿנונגען אויף אַ באַוועגונג אַף יענער זייט אָקעאַן.

דעם 30-טן סעפּטעמבער איז אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז די
דייטשן האָבן פֿאַרנומען ע ז ע ל. דערנאָך קומען אָן די אייגצעל-

הייטן פון יאם-שלאכטן וואס ענטדעקן א נייע שווידערליכע אינ-טערנאציאנאלע פראוואקאציע אפן פראנט.

ס'ווייזט זיך ארויס, אז דער איינגלישער פלאט האט גלייכ-גילטיג געלאזט גיין צו גרונד דעם העלדיש ארויסגעטראטענעם אין שלאכט רויטן באלטישן פלאט. סווייזט זיך ארויס, אז די רעגירונג האט אליין אפגעגעבן א באפעל מזאל אראפנעמען די קאנאנען, וואס היטן דעם וועג אין פעטערבורג.[1] סווייזט זיך ארויס, אז דער אנפירער פון דער קליינער באראטונג פון די מאסקווער קלאל-טוער, ראדזיאנקא, וועלכן מ'האט ערשט נישט לאנג געכאפט בא א שווינדלערישע ליפערונג פון קלעצער, האט אין זיין באריכט קימאט געפאדערט מ'זאל אפגעבן פעטערבורג און קראנשטאט און האט געשעפט נאכאס פון די צעשיסונגען און „ארדנונג“, וואס ווילהעלמס שיצמאנען האבן איינגעפירט אין ריגע איז ווייניגן זאל מען פארניכטן דעם „פארדארבענעם פלאט“ון זאל אונטערגיין קראנשטאדט נידע, מיט פעטערבורגן דער לאזונג פון דער רעגירונג „אין מאסקווע“ איז געווארן קלאר פאר אלעמען: זיי זיינען אנטלאפן פון דער רעוואלוציע, אט די בורגערים זיי זיינען אנטריבן געווארן, ווי אמאל איז אנטריינען טיער פון פאריז אין ווערסאל. אז עס האט זיך געהאנדלט ניט וועגן א דייטשע סאקאנע—האט דערציילט ניט קיין אנדערער, נאר גענעראל אלעקסייעוו אליין.

איצט איז אנטפלעקט געווארן די גאנצע ברייטקייט פון דער נייער פארשווערונג: פאלטשינסקי אין פעטערבורג האט גע-זאלט צורעכענען זיך מיט די ארבעטער, פארשארפן די ארבעט-לאזיגקייט אין „אויסלאדן“ די שטאדט, פארוואנדלען דעם ארגא-ניזירטן פראלעטאריאט אין כראנישע לומפן, וואס זיינען ניט פייהיג צו קיין שום ווידערשטאנד; די צענטרן פון רעוואלוציע-פינלאנד, פעטערבורג, קראנשטאט, דער פלאט-וועלן אפן וויסטן

1) № 6 „פראלעטארסקאיע דיעלא“ קראנשטאט.

סאַך פֿאַרניכטעט ווערן מיט אַלע פֿאַרפֿלוכטע ראַטן און קאָמיטעט דורכן פֿייער פון די דייטשע קאַנאָנען באַם גנעדיגן „נייטראַליטעט" פון די „פֿאַרבינדעטע"; די רעגירונג ווערט אָרגאַניזירט אין מאָסקווע, האָנט בא האַנט מיט דער קליינער באַראָפּונג, און היימאַט פון די קאָנאָוואַלאָווס און טרעטיאַקאָווס; אפֿן דאָן פֿאַרמירט זיך „אַנאַיבערגעבּעבנע אַרמיי"—אָט דאָס איז געווען דער לעצטער פֿאַרצווייפֿעלטער ערנסטער שריט פֿונם רוסלענדישן קאַפּיטאַל.

די מיליטערישע קויכעס פון דער קאָנטר-רעוואָלוציע האָבן זיך ווירקליך מאָבּיליזירט מיטן גאַנצן אימפּעט. די קאָזאַקישע גענעראַלן האָבן איינגעפֿירט אַנאַלגעמיינע באַוואָפֿנונג, האָבן באַפֿעסטיגט די סטאַנציעס, זיך באַוואָפֿנט מיט קוילן-וואַרפֿער און האָבן שוין אָנגעהויבן שיקן זייערע טיילן אין צענטראַל רוסלאַנד; אָפֿיצערן האָבן געהיים אָרגאַניזירט געזאַמעלטע אָפֿיצערישע טיילן; די יונקערן ווידער-ווי אין די קאָרנילאָוו טעג-האָבן זיך גענומען צום געווער. פּראָפֿעסיאָנעלע מיליטער לייט האָבן שוין מיט גאַדלעס געזאָגט, אַז סוועט פֿאָרקומען ניט קיין קאָרנילאָווער „פּרואוו מיטן פֿען", נאָר עפּיס וואָס מער ווייכטיגערס.

די רעגירונג האָט געמאַכט אַ זשעסט לינקס, צולאָזנדיג די גאָסודאַרסטוו. דומע, בלויז צוליב דעם, קדיי זי זאָל קאָנען ווייטער פֿירן איר רעכטע פּאָליטיק ביכלאַל. זי איז אין עצעם געוואָרן דער אָנפֿירנדער צענטער פון דער קאָזאַקיש-קאַדעטישער קאָנטר-רעוואָלוציע; זי האָט שוין געשריען. „געבּענטש זאָל זיין דער, וואָס וועט אַרויסטרעטן אין נאָמען פון קאָרנילאָוון", פּראָוואָצירנדיג אַ „בונט פון באָלשעוויקעס" מיט אַלע מיטלען.

די פּאַרטיי פון פּראָלעטאַריאַט האָט פֿאַרשטאַנען די גאַנצע ערנסטקייט פון דער לאַגע. סהאָט זיך שוין ניט געהאַנדלט וועגן דעמאָנסטראַציעס אָדער האַלב-דעמאָנסטראַציעס. די מאַסן האָבן זיך געגרייט צו עמעסן ניט קיין שפּילנדיגן שלאַכט. אויף אַ פּאַשוטע דעמאָנסטראַציע וואָלטן זיי ניט געגאַנגען. אַלע האָבן גוט פֿאַרשטאַנען אַז די צייט פון ווערטער, אַגי-

טאַציע, פּראָפּאַגאַנדע, די צייט פון האַכאַנעס גייט שוין אַוועק, ממוז עפּיס טון, אניט וועט מען אונז צוקוועטשן אַט דאָס איז געווען די אָנגעשטרייַנגטע שטימונג פון די מאַסן. קיין טומל קיין מוגטערע אין סאַנטימענטאַלע אופרעגונג: זאַכליכע געדאַנקע זאַכליכע-ווערטער, אַ שטאַרקע ענטשלאָסנהייט צושלאָגן זיך ביזן סאָף, אָנגעמען דעם קאַמף און פירן אים מיט דער גאַנצער אָנ-געשטרענגקייט ביזן טויט אָדער ביזן ניצחון - אַט אַזוי האָבן געטראַכט. אַזוי האָבן געפילט די פּראָלעטאַריער, גרייטענדיג זיך צום שלאַכט. די פּאַרטיי האָט באַהאַנדלט די פראַגע וועגן אופשטאַנד: אפן עקסטן רעכטן פליגעל איז שוין געווען אופגעהויבן די פאָן פון קאַמף האָט מען געמוט איפּהייבן די האַנט-שוה און טייקעף אריבערגיין אין אָנגריף.

דעם ערשטן שאָס האָט געטון די קאָנטר-רעוואָלוציע: די קאַזאַקישע טיילן האָבן צעשטערט דעם קאַ-לוגער ראַט. בלויז צופעליק זיינען די מיטגלידער פון ראַט ניט צעשאָסן געוואָרן. מ'האָט דאָרט אפן ווארוואַרישן אויפן גע-מאַכט אַ טעל פון אַלץ נאָר דערפאַר, ווייל די כוואַליע פון פאָלקס-אומצופרידנהייט האָט אוועקגעשטעלט אין שפּיץ פון קאַ-לוגער ראַט באָלשעוויקעס, מיט וועלכע ס'האָבן זיך אַזוי פיין צערעכנט די קאַזאַקישע טיילן מיטן קאָמיסאַר פון דער צייטוויי-ליגער רעגירונג בראָש און מיטן גנעדיקן אַנטייל פון די טוערס פון דער אָרטיקער דומע. סיי דער קאָמיסאַר, סיי די טוערס זיי-נען געווען „עסערן". דאָס ערשטע וואָרט פון פאַררעטעריי און מערדעריי געהערט זיי.

די קאַלוגער געשעהעניש האָבן געצוואונגען די ראַטן פליינק רוקן זיך פאַראויס. אין דער זעלבער צייט איז דער ראַט אין פעטערבורג שוין איבערגעגאַנגען אין קריגס-לאַגע. די שאַר-פע רעזאָלוציע קעגן דער רעגירונג האָט באַטייט, אז די מילכאָ-מע איז נאָענט. די קראָנשטאַטער מאַטראָסן האָבן פאַרשאָלטן דעם „בעגאַכדיקן באָנאַפּאַרט"; דער צוזאַמענפאָר פון די ראַטן

פון צאָפּן-געגנד איז דורכגעגאַנגען ווי אַ גלענצענדער האַרמאָנישער פּאַראַד פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי; דער צוזאַמענפאָר פון די פאָרשטייער פונם 6-טן אַרמייאישן קאָרפּוס האָט ערקלערט אַז ער זאָגט זיך אָפּ פון יעטווידער שטיצע קערענסקיס רעגירונג און האָט פּראָקלאַמירט די נויטיקייט פון אַ ראַטן-מאַכט.

דעם 20-טן אָקטיאַבער האָט דער פּעטערבורגער ראַט פון אַרבעטער און סאָלדאַטן-דעפּוטאַטן באַשלאָסן אָרגאַניזירן אַ מיליטער-רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט. דער צענטראַלער קאָמיטעט פונם באַלטישן פלאָט, דער פינלענדער געגנט קאָמיטעט, די פאַבריק-און זאַוואָד-קאָמיטעטן, די פּראָפעסיאָנעלע פאַר-איינגען, דער ראַט פון די פּו'ערים-דעפּוטאַטן פון פעטערבורג, די פּאַרטייאישע מיליטער אָרגאַניזאַציע א. א. וו. האָבן געשיקט אהינצו זייערע פאָרשטייער. דאָס איז געווען דער מיליטערישער שטאַב פון דער נייער רעוואָלוציע און פונם אויפשטאַנד קעגן דער אימפּעריאַליסטישער דיקטאַטור.

און אין דער זעלבער צייט האָבן די רעכטע געמאַכט רווישיקע אוואַציעס אינם „ראָט פון דער רעפּובליק" דעם גענעראַל אַלעקסייעוו, און דער אַפּאָסטאָל פונם רוסלענדישן אימפּעריאַליזם, דער קאַדעט פּיאָטר סטרואַווע, האָט ערקלערט, אַז „פאַרן אָרנטליכן נאָמען פון גענעראַל קאָרנילאָוו וועלן מיר אָפּגעבן אונזער לעבן."

אין פּעטערבורג הויבט מען זיך אָן גרייטן צום אויפשטאַנד אָפן, פאַר אַלעמען אין די אויגן. ס'באַוואָפענען זיך די סאָלדאַטן. פון אַלע זייטן ווערן צונויפגערופן קויכעס. מיליטערישע טיילן, גאַנצע קאָרפּוסן שיקן צו שטיצע. דער צוזאַמענפאָר פון דער פינפטער אַרמיי זאָגט זיך אַרויס, אַז די ערד זאָל טייקעף ומיאד איבערגיין צו די פויערים. מיט אַ גוואַלדיקער אָנשטרענגונג וואַרט מען, ווי וועט זיך ערלייזן דער קריזיס, גרייטנדיק זיך אַריינמישן אינם אנטגילטיקן מאָמענט.

אָן אָנהייב האָט געמאַכט דער קאָנפליקט צווישן מיליטער-

רעוואָלוציאָנ., קאָמיטעט און דער געגנער-שטאַב, וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט אנערקענען די באַפולמאַכטן פונעם קאָמיטעט. די אומפאַר-מיידלעכקייט פונעם צוזאַמענשטויס ווערט קלאָר פאַר אַלעמען.

דער 22 אָקטיאַבר איז באַשטימט פאַרן „טאָג פונעם פּע-טערבורגער ראַט", וואָס ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ גענעראַלן פאַרבאַנד פון די רעוואָלוציאָנערע קויכעס. דער מיליטער-רעוואָ-לוציאָנערער קאָמיטעט נעמט אָן מיטלען צו פאַרהיטן די שטאָט, באַשטימט זיינע קאָמיסאַרן אין אַלע מיליטער טיילן און אין די וויכטיקסטע פונקטן. די פאַקטישע פאַרוואַלטונג מיט די מיליטע-רישע קויכעס גייט, אויף אַזאַ אויפן, אַריבער צום ראַט.

אין דער נאַכט וואָס אויף 25 אָקטיאַבר האָבן די רעוואָלו-ציאָנערע מיליטער טיילן פאַרנומען די וואָקזאַלן, די פּאָסט, דעם טע-לעגראַף, די מלוכע באַנק, די פּעטערבורגער טעלעגראַף אַגענ-טור. איינציקע מיניסטאָרן זיינען געווען אַרעסטירט. זעקס אַ זייגער פאַרנאַכט פונ'ם פאָריגן טאָג האָט די צייטווייליקע רעגירונג זיך נאָך געפּרואווט פאַרמאַכן די צייטונג „אַרבעטער און סאָלדאַט" אין באַנאַכט איז אַ טייל פון דער דאָזיקער רעגירונג שוין געווען אונטער אַ שלאָס. די באָנאַפּאַרטישע מאַכט איז אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן אָן בלוט פאַרגיסונג.— אַף אַזוי פיל איינציג, אָרגאַני-זירט און מעכטיג איז געווען דער שטורעם פון די אַרבעטער און סאָלדאַטן, וואָס זיינען אַרויסגעטראָטן אין שלאַכט פאַר דער מאַכט פון די ראַטן.

דעם 25 אָקטיאַבר האָט טראָצקי, דער גלענצענדער און מוטפולער טריבון פונעם אויפשטאַנד, דער אומערמידער און פייערדיקער פירער פון דער רעוואָלוציע, אין פּעטערבורגער ראַט ערקלערט אין נאָמען פון דעם מיליטער-רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט בא דונער-אַפּלאָדיסמענטן פון די פאַרזאַמלטע, אַז „די צייטווייליקע רעגירונג עקזיסטירט מער ניט". און אַלס אַ לעבע-דיקער באַווייז פון אָט דעם פאַקט הייבט זיך אויף אויף דער טרי-בונע לענין, וואָס איז באַפרייט געוואָרן פון דער אונטערערד דורך דער

בייער רעוואָלוציע און וואָס ווערט באַגעגנט מיט שטורמישע אָוואַציעס

צען אַ זייגער ביינאַכט עפנט זיך דער צווייטער אַלרוסלענדישער צוזאַמענפאָר פון די ראַטן. פון די ערשטע ווערטער איז קלאָר, אַז די „אָבאָ-ראָנצעס" האָבן דאָרט קיין אָרט ניט. די באַלעבאַטים פון דער לאַגע פריער, גייען זיי איצט אַוועק פונעם צוזאַמענפאָר; נאָך זיי גייט אַוועק אַ ביסל „אינטערנאַציאָנאַליסטן" מיט מאַרטאָוון בראש, וואָס האָבן פלוצלונג אָנגעהויבן שרייען וועגן „גוואַלד-טהאָט" און „פאַרשווערונג". דערפאַר זיינען נאָך איינגער דורכ-געגאַנגען די באַשלוסן פונעם צוזאַמענפאָר.

קערענסקי האָט איינגעפירט טויט-שטראָף, דער צוזאַמענ-פאָר האָט אים מבטל געמאַכט פריער פון אַלץ. קערענסקי האָט געזעצט אין טורמע די מיטגלידער פון די ערד-קאָמיטעטן. דער צוזאַמענפאָר האָט אַרויסגעלאָזט די פויערן, אַרבעטער, סאָלדאַטן, וואָס האָבן געליטן אין די קעלערס פון דער באָנאַפּאַרטישער רעגירונג. די דעקרעטן וועגן שלום און וועגן ערד, וואָס האָבן פאָרגעלייגט באַלדיקע שלום-אונטערהאַנדלונגען און וואָס האָבן אָפּגעגעבן די ערד די פויערן, זיינען באַגעגנט געוואָרן מיט אַזאַ ענטוזיאַזם, ווי קיינמאָל ניט. די פּראָקלאַמירונג פון דער ראַטן-מאַכט און די ערוויילונג פונעם ראַט פון פאָלקס-קאָמי-סאַרן מיט לענינען בראש זיינען באַגעגנט געוואָרן מיט שטורמישע היספּאַלעס מיצד די אַרבעטער און סאָלדאַטן און מיט אַ רישעסדיקן כייע-האָס מיצד דער בורזשואַזיע, וואָס איז גאָר משוגע געוואָרן פון שרעק. לענין אין שפּיץ פון דער רוסי-שער רעגירונג—האָט זיך דאָס ניט געוואָלט אויסווייזן ווי אַ וועלט-איבערקערעניש פאַר אַלע „פיינגעזאָנענע עלעמענטן"?

אויב אין פּעטערבורג איז די מאַכט פאַרכאַפּט געוואָרן קימאַט אָן אַ שאָס, איז אין דעם אַנדערן צענטער פון דער רע-וואָלוציע—אין מאָסקווע—דער קאַמף געווען אַ פאַראַקשעג-טער און אַנבראַכמאַנסדיקער. אָט דאָ האָבן זיך בוילעטער, ווי אַנ-

דערש וואו, אַרויסגעוויזן אַלע קלאַסן-גרופּירונגען; ס'זיינען באַשטימט געוואָרן דורך מאַסים, אינם פּראָצעס פון באַוואָפנטן קאַמף, די פּאָזיציעס פון קלאַסן, גרופּן, פּאַרטייען, אָרגאַניזאַציעס. די אַ ר ב ע ט ע ר מיט דער פּאַרטיי פון פּראָלעטאַריאַט בראָש— אַפן פּאַראַנטוואָרטליכסטן פּאָסט. די ס אָ ל ד אַ ט ן, דער גאַנצער גאַרניזאָן ביז איינעם, — האָבן באַ האַנט מיט די אַרבעטער. די באָלשעוויקעס און די לינקע עסערן — אַף איין זייט פון דער באַריקאַדע. די ג ר ו י ס ב ו ר ז ש ו אַ ז י ע, די בירגער די רעכטע עסערן און די אָנפירער פון די מענשעוויסטישע אָרגאַניזאַציעס, גענעראַלן, אָפיצערן, יונקערס, קאָזאַקן,—אַף דער אַנדערער זייט. אַ ביקס געגן אַ ביקס! אַ קוילן-וואַרפער געגן אַ קוילן-וואַרפער!

דער מאָסקווער פּראָלעטאַריאַט איז אַריינגעטראָטן אין קאַמף ניט קיין צוגעגרייטער. זיין ציל איז געווען איינע — אונטערשטיצן די פּעטערבורגער כאַווירים. שטאַרבן, אָבער שטיצן.

דעם סיגנאַל פון אופשטאַנד האָט געגעבן די פּאַרטיי פונם פּראָלעטאַריאַט, וואָס האָט פאַרנומען מיט באַוואָפנטע טיילן דעם פּאָסטאַמט. ווייטער אַנטוויקלען זיך די געשעענישן אומגעהייער שנעל. די שאַפונג פון אַ מיליטער-רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט, דאָס פאַרנעמען דעם קרעמל און דאָס צוריק-אָפּגעבן, שלאַכטן אין צענטר און אין דער אומגעגנט; אַ טראַגישער מאָמענט, ווען יונקערישע טיילן שלאָגן שיר ניט אַרויס די ראָטן-מיליטער פונם צענטר. דער ווידערשטאַנד און, ענדליך דער פאַרגיכערטער, אַ דאַנק דעם פייער פון דער שווערער אַרטילעריע, ני-אָכן—באַ דעם דונערן פון די באָלאַגערונגס-קאַנאָנען, באַ דער קנאַקעריי פון די קוילן-וואַרפער און באַ דעם פייף פון די ביקסן-קוילן זיינען דורכגעפלויגן אַט די אַלע סצענעס פאַר די אויגן פון דער „פרומער" רוסישער הויפּט-שטאָט, וואָס האָט שוין דאָס צווייטע מאָל איבערגעלעבט אַ רעוואָלוציאָנערן אופשטאַנד...

דער ניצאָכן איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ דאַנק דער אויסשליסליכער העלדישקייט פון די אַרבעטער און סאָלדאַטן גופע.

גוואַרדייער האָבן זיך געשלאָגן ווי עמעסע לייבן פון
דער רעוואָלוציע מיט אַן עמעסער איבערגעגעבנקייט, מיט מוט,
וואָס ווייס קיין שרעק ניט. הײַנט בײַ האַנט מיט זיי זיינען גע-
גאַנגען סאָלדאַטן מיט די דווינסקער בראַש, אַט די שלאָג-טייל
פון דער רעוואָלוציע, אַט די דווינסקער זיינען געווען פאַרזעצט
אין די פראָנט-טורמעס און נאָכדעם אין בוטירקער טורמע דורך
דעם עסער קערענסקי. זיי זיינען באַפרייט געוואָרן דורך די מאָסק-
ווער אַרבעטער. און זיי האָבן געשוואָרן שלאָגן זיך ביזן סאָף. דער
מאָסקווער קאַמף איז בעעמעס געווען אַ קאַמף פון מאַסן גופא,
ענערגיש, מיושאוודיקע, זעלבסטעטיקע אין בראַווע, ווי ס׳קאָנען
זיין בראַוו בלויז קינדער פון פאָלק, וואָס וואַרפן אַראָפ די קייטן
פון קנעכטשאַפט און אונטערדריקונג.
געגן פאָלק האָבן געשלאָגן זיך טיילן פון יונקערס אונ-
טער דער אָנפירונג פון עסער פּאָלקאָווניק ריאַבצעוו. דער
אַלגעמיינאָרגאַניזירנדע צענטער איז געווען די דומע, וואָס
האָט אויסגעשטעלט אַ קאָנטר-רעוואָלוציאָנערן „קאָמיטעט פון
רעטונג“. דער עסער רודניעוו האָט קונציק מעמאַלע געווען דעם
עסער ריאַבצעוו מיטן שאַפן און באַוואָפנען די ווײַסע גוואַר-
דיע פון דער בורזשואַזיע.
די גרויס-בורזשואַזע האָט געפונען פאַר בעסער צו אַרבעטן
פאַרבאָהאַלטענערהייט. זי האָט דאָך געהאַט גענוג זיכערע אַגענטן
צווישן די געוועזענע טעראָריסטן!
סאָך-האַקל צוריק מיט עטליכע טעג האָבן אָט די סאָציאַל-
פאַררעטער פּראָטעסטירט אין די ראַטן געגן דער רויטער גוואַר-
דיע, ווייל זיי האָבן קלוימערשט מוירע געהאַט פאַר דער „צע-
שפּאַלטונג צווישן די סאָלדאַטן און די אַרבעטער“. איצט באַייס
די סאָלדאַטן און די אַרבעטער האָבן צוזאַמען אָנגעהויבן פאַר-
גיסן זייער בלוט, האָבן אָט די העלדן אָרגאַניזירט די פּריצישע
און בורזשואַזע זינדלאַך אַנווענדנדיק זייערע ביקסן סיי געגן די
סאָלדאַטן און סיי געגן די אַרבעטער! דער מאָסקווער ראַט פון

ס אָ ל ד אַ ט ן דעפּוטאַטן, וואו די עסרן און מענשעוויקעס האָבן געהאַט דעם ראָוו, זיצנדיק אין איין געביידע מיט די אָנפירער פון די אופגעשטאַנענע פּראָלעטאַריער און פויערן, האָט געגעבן אויסגעצייכנטע קאַדרעס פון קערענסקיס שפּיאָנעס, וואָס האָבן נאָכגעקוקט, אויסגעבן, פאַרראַטן און דערגאַנגען געמישפּעט די פאַרכאַפּטע באָלשעוויקעס. די סאָלדאַטן האָבן אים אַראָפּגעוואָרפן אָבער די „סאָציאַליסטישע" צייטונגען פון די פּשאָרע-מאַכער האָבן ווייטער געטאָן זייער אַרבעט. אַרויסוואַרפנדיק אין סאַמען אָנהויב אַן „איידעלן" לאָזונג: „געגנוג בלוט פאַרגיסונג", האָבן אָט די נידערטרעכטיקע אין הונדערטער טויזנטער עקזעמפּליאַרן געדרוקט ליגנערישע ידיעס וועגן דעם, אַז קערענסקי האָט שוין גענומען פּעטערבורג: זיי האָבן געמוזט (ווייל דאָס האָט געמיזט ד ע ר ק אַ פּ י ט אַ ל) צושלאָגן די קויכעס פון די אַרבעטער און ניט בלויז מיטן קויאַך פון דער ווייסער גוואַרדיע, נאָר אויך מיטן קויאַך פון מיינגעס שעקער און בילבול:

אָבער צופיל האָט שוין דורכגעדרונגען דער האַס צו די אונטערדריקער. מאָסקווע איז גענומען געוואָרן נאָך אַ שלאַכט. אָבער זי איז גענומען געוואָרן.

דעם 29 אָקטיאַבער האָבן די געוועזענע אָנפירער פון דער קליין בורזשואַזיע זיך געפּרואווט אופהויבן אין פּעטערבורג אַן אופשטאַנד פון די יונקערן. דער אופשטאַנד איז דערקוועטשט געוואָרן אין עטליכע שאָ און זיין אָרגאַניזאַטאָר — גאָץ — איז אַנטלאָפן. קערענסקי האָט צונויפגעקליבן רעשטלעך מיליטער און האָט זיך געלאָזט אָף פּעטערבורג. אָבער די רויטע מיליטער האָבן אים לגאַמרי צושלאָגן אונטער גאַטשינאַ, און ער, וואָס האָט פייערליך ערקלערט, אַז נאָר איבער זיין קערפּער וועלן איבערטרעטן די, וואָס וועלן וואַגן אַראָפּוואַרפן די קאָאַליציע, איז אַנטלאָפן שענדליך, ווי ס'לויפט אַ פּאַכדן און אַ פאַררעטער.

ניט קוקנדיק אָפן פאַוואַפנטן ווידערשטאַנד, האָט די